№ 7 … ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

# טשענסטאכאווער צייטונג

ערשײנט יעדן פרײטאג.
ווארשער אליע 6. — טעלעפאן 201.
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 16 lutego 1934 | ליכט-צינדען 4.35 | פרייטאג, פ׳ תרומה א׳ אדר תרצ״ד.

## פוילישער יוד, ערפיל דיין חוב פאר דיינע אומגליקליכע ברידער פון דייטשלאנד!

קויף א לאס אין דער
גליקליכסטער קאלעקטור
פון 1934 יאהר
J. WEKSLER, ALEJA 6.
וואו עס איז געווינען געווארען דער
1.000.000
(1 מיליאן)
און דו וועסט געהאלפן ווערען!
פערשפעטיג נישט און פאר 10 זל.
קויף א צעטיל צו דער ערשטער
קלאס 29 מלוכה-לאטעריע,
ווייל היינט איז די ציהונג.

ELEKTROWNIA
w CZĘSTOCHOWIE
Sp. z o. o.
zawiadamia pp. abonentów prądu, że rachunki za prąd inkasują wyłącznie
Komunalna Kasa Oszczędności P. Marji 19
Bank Przemysłowców i Kupców „ 22
Bank Rzemieślniczy Spółdzielczy „ 12
Kasa Elektrowni inkasa rachunków za prąd nie załatwia

W dniu 18-tego lutym 1934 r. o godz. 17-ej, jako w pierwszym terminie, a w razie nieprzybycia odpowiedniej ilości członków bez względu na ilość obecnych członków w tymże dniu o godz. 18-ej w lokalu **Gminy Żydowskiej, Nowy Rynek № 14** odbędzie się

**Ogólne Roczne Zebranie**
**Członków Tow. Dobroczynności dla Żydów w Częstochowie**

o przybycie na które prosi
**ZARZĄD.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער
**פאמיליע יאסקאוויטש**
צוליעב׳ן טויט פון זייער ליעבען מאן און פאטער
**נ״ע אברהם**
פערטרעטער פון דער
**פירמע „פלוטאס"**
מ. שווארצבוים און טענענבוים.

### די פאמיליע
### הענעך ניוענבערג און פרוי

האבען אריינגעטראגען אין אונזער רעדאקציע
**1550 זלאטעס**
צו פערטיילען פאר פאלגענדע אינסטיטוציעס לויט זייער אייגענעם איינזעהן:

| | |
|---|---|
| יודיש שפיטאל | 250 זל. |
| „טאז" — — — — | „ 150 |
| רעטונגס-קאמיטעט ביי דער קהלה | „ 150 |
| זקנים און יתומים-הויז — — | „ 150 |
| פאווישעכנע שולע נר. 12 — | „ 300 |
| „בית לחם" — — — | „ 100 |
| אכראנקע ביים דאבראטשינגאשטש | „ 100 |
| זומער-קאלאניע „ „ | „ 100 |
| „לינת הצדק" — — — | „ 50 |
| „עזרה" — — — — | „ 50 |
| „מחזיקי הדת" — — — | „ 50 |
| קינדער-היים א. נ. י. ל. פרץ — | „ 50 |
| „גמלות-חסד", אגראדאווע 6 — | „ 50 |

די אלע אויבענדערמאנטע אינסטיטוציעס קאנען אבנעמען דאס געלד ביי אונז אין רעדאקציע, געגען געהעריגע קוויטונגען, וועלכע דארפען באלד מיטגעבראכט ווערען דורך די פערזאנען, וואס זענען בעפולמעכטיגט איינצוקאסירען דאס געלד.

אויסערדעם פאר׳ן צווייטען מענער-גימנאזיום א. נ. פון „ר. מראוגוט" 500 זל. און פאר דער „סטראזש פושעדניא" ביים גימנאזיום א. נ. פון י. סלאוואצקי 50 זל.

דער בעריהמטער **מוהל**
**יהודה טורבער פון ריישא**
האט זיך בעזעצט אין טשענסטאכאוו
**טארגאווא 13 אדער גארנצארסקא 13**
ערשטער שטאק
איך בעזיץ א געזונדהייטס-צייגניש פון פאוויאטאווע דאקטאר.
די אפעראציע ווערט דורכגעפיהרט היגיעניש, שנעל.

**לעצטע אויפמערקזאם !!!**
אין דער פריוואט-וואוינונג פון
**ה. ערליך, אלעע וואלנאשצי 3/5**
האט זיך געעפענט
**א מאנופאקטור-געשעפט**
וואו מען בעקומט אלער-ארט **שטאפען אויף קליידער** און אויף וועש פאר דאמען און הערען ווי אויך א גרויסער אויסוואהל פון פערשידענע רעשטען צו זעהר בילינע פרייזען. קומט און איבערצייגט אייך!
געדענקט די אדרעס **ה. ערליך, אלעע וואלנאשצי 3/5**
אין הויף, ערשטער שטאק.

**מארגען, שבת 8 אווענד** קומט פאר
**אין זאל „מכבי"** קאזעדראלנע 13
**א גרויסע פערוויילונג**
איינגעארדענט דורכ׳ן עלטערן - קאמיטעט פון די פרץ-פאלקס-שולען. צו די טענץ וועט שפילען אן ערשטקלאסיגער ארקעסטער. אייגענער ביליגער בופעט

אונזער ליעבע שוועסטער און שוואגער **ליפסקי**
צו זייער שמערצליכען פערלוסט פון זייער הייס-געליעבט **טעכטער׳ל**
**רעניושא** נ״ע
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
**אליעזר גראדאן און פרוי**

**Państwu LIPSKIM**
wyrażam najszczersze współczucie z powodu śmierci Ich jedynej najukochańszej córeczki
**RENIUSI.**
Gula Landauówna.

אונזער **באבע** און דער גאנצער **פאמיליע** ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב צו דער חתונה פון **אדאלף כזשאנאווסקי** פון טשענסטאכאוו מיט פרל. **עדעלשטיין** פון לובלין וועלכע איז פארגעקומען אין **פאריז.**
דעם יונגען פאר א גליקליך צוזאמענלעבען און א בליהענדע צוקונפט
**שוועסטערן און שוואגער מאיארטשיק און גליק.**

אויך מיר ווינשען דער גאנצער פאמיליע ווי אויך דעם יונגען פאר
א הארציגען מזל-טוב
פאריז. **משה גליק און ישעיהו מאיארטשיק.**

פיעל ברכות און א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוואגער **משה קאזאק** און פרוי צו דער חתונה פון זייער ליעבען זוהן **דוד** מיט פרל. **ברכה לאנדוי.**
דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט.
אברהם, קלמן, הינדה, לאה און שמואל גרובשטיין לאדז

לחתונת ש״ב **דוד קוזק** עם מ. **ברכה לנדו**
הנני מאחל להם שפע ברכות ועתיד מזהיר.
תל-אביב. **דוד ליפמן גרובשטין**

Mojemu drogiemu kuzynowi DAWIDOWI KOZAKOWI składam najlepsze życzenia z okazji Jego zaślubin z panną BRUCHĄ LANDAU. Oby szczęście towarzyszyło Wam nieodstępnie na nowej drodze życia. Rodzicom wiele pociechy życzy
MAURYCY GRUBSZTAJN.

**מיטוואך ז׳ אדר 6 א זייגער אווענד**
**קומט פאר אין שטאדטישען בית-המדרש**
# א גרויסע פייערונג
לכבוד דעם **100-יעהריגען יובל פון**
# שטאדטישען בית-המדרש.
מיר בעטען דעריבער אלע הענדווערקער, קליינהענדלער און דאס יודישע טשענסטאכאוו אנטייל צו נעמען אין דער פייערונג.
די גבאים.

**שבת, ד. 24 פעברואר אין פייערלעשער - זאל**
וועט פארקומען דער
# טאז-באל
א מאסע איבערראשונגען און אטראקציעס. איינגאנג 2.50 זלאטעס.
איינלאדונגען שיקט ארויס דער „טאז"-סעקרעטאריאט, ב. יאסעלעוויטשא 3 טעלעפאן 17-56. אנהויב 10 אווענד

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז פריהצייטיג געשטארבען אין קראקא אין עלטער פון 5 יאהר אונזער ליעב טעכטערל
**נ״ע חיה רבקה ליפסקא**
די לויה איז פארגעקומען מאנטאג, ד. 12 פעברואר 1934 אין קראקע וועגען וואס ס׳זענען מודיע די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
**עלטערן און ברודער׳ל.**

**אונזער ל. שוועסטער און שוואגער ליפסקי**
צו זייער שמערצליכען פערלוסט פון זייער הייסגעליבטער טעכטער׳ל
**רעניושא** נ״ע
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטע ביילײדס-געפיהלען. זאלט איהר שוין מעהר פון קיין צער נישט וויסען.
**צבי נארימבערסקי און פרוי.**

Koch. Wujostwu **W. LIPSKIM**
z powodu śmierci Ich ukochanej córeczki
**b. p. RENIUSI**
wyrażamy najgłębsze współczucie
BRACIA SZCZUPAK.

# אפשר איז שוין צייט?!

מען האלט ביי אונז אין איין רעדען וועגען שלום, אהדות, איינהייטליכער פראנט און כלל ישראל, דאס זענען אבער פוסטע דיבורים, וועלכע קלינגען היינט ווי חוזק אין מויל פון דעם, וועלכער רעדט דאס און אויך פון די יעניגע, וועלכע הערען דאס.

מיר זיינען דער עם קשה עורף, האבען גארנישט געלערנט פון די לעצטע יאהרען. די גאנצע וועלט, אלע שווארצע כחות האבען זיך פערמאסטען געגען אונז: אין דעם יעצטיגען קאטאקליזם, וואס קומט פאר צווישען פעלקער און מלוכות און אפילו צווישען קלאסען, איז אלץ דער יוד דער מיטעלפונקט, אויף וועלכען מען ציעלט די גיפטיגע פיילען.

אין דייטשלאנד און אין עסטרייך, אין רומעניען און אין קובא און אפילו אין די פרייע לענדער, ווי: פראנקרייך, ענגלאנד און אויך אין אמעריקא הויבען די אנטיסעמיטען אויף דעם קאפ און ווילען צוריק דעם יוד אריינווארפען אין געהעטא איהם אנטהון א געלע לאטע, ער זאל ווי אמאל צאהלען קאפ-שטייער אז"וו.

בעת עס איז פארגעקומען דער בלוטיגער קאמף אויף די גאסען פון וויען, האט מען אין דער זעלבער צייט פונאנדערגעווארפען העצערישע בלעטלעך געגען יודען. זיי איז נישט אין זינען געלעגען דאס בלוט, וואס גיסט זיך ווי וואסער, ווייל די העצע געגען יודען איז וויכטיגער ווי מענשליך בלוט.

אויך אין פוילען הערען זיך פון צייט אנטיסעמיטישע שטימען, וועלכע ווערען גערעדט פון דער העכסטער טריבונע פון לאנד און אט די דאזיגע שטימען בעאונרוהיגען אונז שטארק, ווייל וואס אמאל ווערען זיי אפטער און דרינגען אריין אין די מוחות פון נישט בלויז אפענע אנטיסעמיטען, נאר אפילו ביי אונזערע כלומרשטע פערטיידיגער און גוטע פריינד.

וואס טהוען מיר צו דעם? גארנישט. מיר צווישען זיך האבען זיך אפשר מעהר פיינט, ווי אנדערע האבען אונז, טא ווי קאן מען פערלאנגען, אז אנדערע זאלען אונז ליעב האבען, אז מיר אליין זענען צווישען זיך אויף מעסערשטאך.

עס איז א וועהטאג די דאזיגע ווערטער אויפצושרייבען און ליידער אבער איז עס אמת און אונזער פליכט אין אזא צייט איז אויפצודעקן דעם אמת, ווי וועה ער זאל נישט טהון.

מיר זענען צובראכען, צוריסען, איינער וואלט דעם אנדערען אין א לעפיל וואסער דערטרינקען. מיר טארען זיך אבער אויף אזא „לוקסוס" נישט דערלויבען, מיר מוזען שטעהן אויף דער וואך, ווען דער שונא אטאקירט אונז.

אויב עס וועט נישט באלד זיעגען דער געזונדער אינסטינקט פון די פאלקס-מאסען וועלכע זאלען די מחררי-ריב אבריקען אין א זייט פון יודישען לעבען — זענען מיר פערלוירען, וועט אונזער יודיש לעבען ווערען חרוב ומוחרב.

עס איז היינט אנ'אויסנאמס-צושטאנד אין אונזער לעבען. דער יודישער האריזאנט ווייזט שווארצע פלעקען, וואס ווארפט אן א פחד אויף אונז. און ווען מיר אויך אין דעם איצטיגען מאמענט נישט געפונען קיין געמיינזאמע שפראך, וועט עס זיין דער בעסטער סימן, אז מיר האבען נישט קיין רעכט צו פערלאנגען פון די פעלקער קיין רעספעקט בנוגע אונז, אויב מיר אליין פערשטעהן עס נישט.

---

שוין אין די נאהנטסטע וואכען קומען פאר ביי אונז שטאדט-ראט וואהלען. וואס פאר א בעדייטונג דאס האט פאר יודען אלס א שטאדטישער עלעמענט, איז איבריג צו רעדען. ביי דער איצטיגער וואהל-ארדינאציע אבער איז אומבעדינגט נויטיג, אז אלע יודען, אהן אונטערשיעד פון ריכטונג, זאלען געהן מיט איין געמיינזאמער ליסטע.

דער דאזיגער פרוב האט זיך היעצ דערווייל נישט איינגעגעבען. איך וויל נישט בעשולדיגען דעם אדער יענעם צד, א פאקט איז אבער, אז דער אזויגערופענער ווירטשאפטליכער בלאק, האט באלד אין אנהויב נישט געהאט קיין ערפאלג.

דאס איז א רעזולטאט פון לאנג-יעהריגע מחלוקת, שנאת הנם פערזענליכע אמביציעס.

די היינטיגע סיטואציע פון יודישען לעבען פאדערט אבער, אז די אלע קרענקליכע, נארישע אמביציעס זאלען אוועקגעלייגט ווערען אין א זייט און ס'זאל העכער געשטעלט ווערען דער יודישער כבוד, די איינהייט, האבענדיג פאר די אויגען די גרויסע געפאהר, דעם שרעקליכען געשפענסט, וואס רוקט זיך אן אויף אונזער לעבען.

פעראייניגט די כחות! — דאס איז די איינציגע לאזונג, וואס מוז ווערען א פאקט אין אונזער צובראכען, צוריסען יודיש לעבען.

ב—ן.

# פייערליכע ערעפנונג פון נייעם לאקאל פון הויזווירטען - פעראיין.

זונטאג 5 א זייגער נאכמיטאג איז פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון נייעם לאקאל פון הויזווירטען פעראיין (אלעע 6).

צו דער פייערונג זענען געקומען כמעט אלע מיטגלידער פון פעראיין, ווי אויך א רייה איינגעלאדענע געסט, ווי דער רב ר' נחום אש, שטאדט-קאמיסאר מאצקעוויטש, דער נאטשעלניק פון 1-טען שטייער-אמט, אינספעקטאר גיערמאק, אנפיהרער פון 2-טען קאמיסאריאט קאמ. סאביעסקי א.א.

ביים פרעזידיום-טיש זענען געזעסען: דער פרעזעס פון פעראיין ה' חיים וועקסלער, דער ספעציעל פון ווארשא געקומענער דירעקטאר פון דער צענטראלע פון די הויזווירטען פעראיינען אין פוילען ה' סט. דאמבראווסקי, וויצע-פרעזעס פון פעראיין ה' ש. ראדאל און סעקרעטאר מגר. ג. ראדאל.

די פערזאמלונג האט געעפענט פרעזעס ח. וועקסלער, וועלכער האט קודם כל געדאנקט די געסט פאר דעם בעעהרען מיט זייער אנוועזענהייט די בעשיידענע פייערונג און דאן אין קורצע שטריכען איבערגעגעבען די געשיכטע פון דעם הויזווירטען-פעראיין, וועלכער עקזיסטירט שוין זייט 1913.

רעדענדיג וועגען די אויפגאבען פון פעראיין, ערקלערט ה' וועקסלער די גרייטקייט פון דער דאזיגער ארגאניזאציע צו ארבייטען נישט נור לטובת איהרע מיטגלידער נאר אויך פאר דער גאנצער געזעלשאפט און מלוכה.

דאן האט דיר. דאמבראווסקי געהאלטען א לענגערען רעפעראט א. ד. ט. „דאס שטאדטישע אומבעוועגליכע אייגענטום און זיין ראל אין געזעלשאפטליכען לעבען".

אין זיין רעפעראט האט דיר. דאמבראווסקי כאראקטעריזירט די אונגינסטיגע לאגע, וואס האט זיך געשאפען זייט דער וועלט-מלחמה פאר דעם אונבעוועגליכען אייגענטום. שילדערענדיג עטאפענווייז די דאזיגע לאגע בעת דעם קריעג, באלד נאך דער מלחמה, בעת דער אינפלאציע א.א.וו. האט זיך דער רעפערענט אבגעשטעלט אויף דער איצטיגער קריטישער סיטואציע ווען, פון איין זייט טראגען די בעלי-הבתים גרויסע שטייער לאסטען און פון דער אנדערער זייט פליסט זיי נישט איין נארמאל דאס דירה-געלד. כדי צו געפינען א פערשטענדניש אין די רעגירונגס קרייזען וועגען פערשידענע אנגעוועהטאגע שטייער פראגען איז נויטיג: א) א צוזאמענארבייט מיט דער דאזיגער רעגירונג, ב) א געהעריגע אויפקלערונגס-ארבייט. כדי דאס אדורכצופיהרען איז נויטווענדיג א פעראייניגטער פראנט פון אלע בעלי-הבתים. דעריבער רופט ער אלע בעל-הבתים זיך צו ארגאניזירען אין איין פעראיין אהן אונטערשיד פון גלויבען און נאציאנאליטעט.

נאך דעם ווי וויצע-פרעזעס ה' ש. ראדאל ווידמעט נאך עטליכע ווערטער דעם ענין פון קאנאליזאציע-און וואסער-אבצאהל, וועלכען די הויזווירטען זענען געצווינגען איינצוקאסירען ביי זייערע לאקאטארען, קומען פאר די בעגריסונגען.

א זעהר געלונגענע בעגריסונג האלט דער רב ר' נחום אש, וועלכער ציטירט פערשידענע מאמרים פון תנ"ך און רמב"ם וועגען דער וויכטיגקייט פון בויען הייזער אויף אזוי ווייט, אז ווען איינער בויט א נייע הויז און עס פרעכט גראד אויס א מלחמה, איז ער אויך פריי פון מיליטער-דיענסט.

דער רב ערקלערט דאן אין א וויציגער פארם, אז ס'איז איהם שווער צו ווינשען דעם הויזבעזיצער-פעראיין גליק און ערפאלג, ווייל ס'וואלטען געקענט צוליב דעם אמאל ליידען דער רוב בעפעלקערונג — די לאקאטארען, דער רב ווינשט דעריבער אין אלגעמיין, אז דער שווערער ווירטשאפטליכער קריזיס זאל בעזייטיגט ווערען, ס'זאלען צוריק קומען די פעטע יאהרען, אזוי אז די לאקאטארען זאלען זיין אימשטאנד צו צאהלען דירה-געלד אין דער צייט און געבען די מעגליכקייט, אז אויך די הויזבעזיצער זאלען קענען צאהלען זייערע שטייערן פונקטליך, דאמאלס וועט הערשען אנ'אמת'ער שלום צווישען ביידע צדדים און דאס ווארט „עקסמיסיע" וועט פערשוואונדען ווערען פון לעקסיקאן.

אין נאמען פון אויפזיכטס-ראט פון דער קרעדיט-געזעלשאפט בעגריסט ד"ר מארטשעווסקי, פון פאבריקאנטען און סוחרים-פעראיין — ה' שטילער און דאן דיר. דאמבראווסקי.

צום סוף איז פארגעקומען אנ'אויפנאמע פאר די געסט.

---

ביי פערגיפטונגס-ערשיינונגען, וואס זענען ארויסגערופען געווארען דורך פערדארבענע נאהרונגס-מיטלען איז די זאפארטיגע אנווענדונג פון נאטירליך ביטערוואסער Franciszka Józefa א וועזענטליך היילמיטעל.

# יודישע דעמאנסטראציע אויפ'ן היגען באהן-פעראן.

א הערליכע דעמאנסטראציע האבען די היגע אגודיסטען און „פועלים" איינגעארדענט מאנטאג די דורכפאהרענדע פועלים קיין א"י.

מיט 3 וואכען צוריק איז דורך קאנסטאנצע געפאהרען די ערשטע גרופע אגודיסטען און אזוי ארום אויסגעמיטען אונזער שטאדט. דערפאר איז די צווייטע גרופע, וואס איז היע אדורכגעפאהרען די וואך אויפגענומען געווארען גאר פייערליך.

שוין מיט א שעה פאר'ן אנקומען פון צוג האבען זיך אנגעהויבען זאמלען א גרויסע צאהל לאנג-געקליידעטע יונגעלייט, אלטע שטיבעל-יודען, חסידישע טעכטער א. א.

א גוטען איינדרוק מאכט דאס ערשיינען אויפ'ן באהן-פעראן פון דער ניי-געוועהלטער אגודה - פערוואלטונג, וועלכע איז געקומען „אין קארפארע" גלייך פון איהר ערשטער זיצונג בראש מיט ר' מענדיל פאגעל. די פועלים, אנגעפיהרט דורך זייער ח' אהרן יוסטמאן, דער היגער „קרן הישוב" קאמיטעט, די היגע „בנות" א. א. ס'לאזט זיך מערקען אויף אלע פנימ'ער עפיס א שטיקעל שמחה.

ווען דער צוג איז אנגעקומען און ס'בעוויזען זיך די אגודה חלוצים אין די וואגאן-פענסטער, זינגען די פועלים זייער הימן „נישט פערצווייפלען". דאן בעגריסט אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון „פועלי אגודת ישראל" ה א. יוסטמאן אין יודיש און אין נאמען פון דער ארגאניזאציע — ה' דוד ארי' קאהן אין העבעראיש.

א זעהר שעהנעם איינדרוק מאכט דאס דערלאנגען דורך ה' בינם ראביגאוויטש א הערליך אויסגעפערטיגטען „אדרעס" מצד די היגע פועלי אגודת ישראל" פאר זייערע הברים אין ארץ-ישראל.

דער אדרעס איז געמאלען דורכ'ן היגען יונגען מאלער מענדיל ריפשטיין.

ווען דער צוג ריהרט, הערען זיך הילכיגע „יחי"-אויסרופען פאר אג"י, פא"י, מועצת גדולי התורה, ר' יצחק מאיר לעווין, הר' יעקב ראזענבוים א"א און די איבער 100 פערזאמעלטע פועלים טאנצען א חסידישען ריקוד ביים זינגען „עודה עודה" א. א. ב.

בכלל האט די דעמאנסטראציע געמאכט א גוטען איינדרוק און ארויסגערופען אכטונג זאגאר ביי די אנוועזענדע נישט-יודען. א—וו.

---

42)

# די לעצטע טעג פון יהודה

היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שומאכער.

(פארטזעצונג).

ביטערע טעג איז דאס געווען, עס איז שווער געווען פאראויסצוזעהן, וואס עס וועט אין צווייטען טאג געשעהן.

יוחנן איז געלעגען אויף זיין געלעגער און דאס פיעבער האט אין איהם געברענט. דער רופא געהט צו איהם געבען די רפואה, נאר ער האט זיך דערפון אבגעזאגט.

— פערשטעהסט דען נישט, אז נישט מיין קרענק האט אין מיר א פייער אנגעצינדען? מיך מאטערט דער גורל פון מיינע קינדער און פון מיין פאלק, זיי האבען אין מיר אנגעצינדען דאס פייער, וואס ברענט מיך און פערניכטעט מיך. נאט, איך ליג דא און טו גארנישט אויף דער נאס קומט פאר עפיס שרעקליכעס, איין פערראט נאך דעם צווייטען. איצט זעהען זיי נישט דעם שונא, איצט, ווען עס איז נאך צייט איז קיינער אויפ'ן פלאץ נישטא נאר דאן ווען עס וועט שוין זיין שפעט, דאן וועט די ערד זיך עפענען און איינשלינגען זיי אלע אהן רחמנות.

יוחנן האט זיך אבגעשטעלט, ער איז זעהר מיעד אין די אויגען ברענען, אויף די באקען האבען זיך פלעקען בעוויזען.

דער דאקטאר קוקט אויף איהם דערשראקען.

— יוחנן — האט זיך געבעטען דער ארצט — בערוהיגט אייך, בעהערשט אייך, דאן וועט דאס פיעבער פאריבער.

— דאס פיעבער — האט יוחנן אויסגערופען — האבען מיר דען איצט צייט קראנק צו זיין?

פלוצלינג האט זיך א גערויש דערהערט

יוחנן איז צום פענסטער צוגעגאנגען און דער ארצט האט זאנאר נישט געהאט קיין מעגליכקייט איהם אבצוהאלטען. די שטים פון אנ'אומבעקאנטען האט אריינגעדרונגען, ער האט זיך געבעטען, געשריען, אז ער מוז וואס גיכער זעהען יוחנן, ער מוז מיט איהם רעדען.

עס האבען זיך דערהערט טריט.

יוחנן איז אויפגעשפרונגען, ער האט די שטים דערקאנט. דאס איז דער שליח, וועלכען ער האט קיין גליל געשיקט אויפרופען די בעפעלקערונג, זי זאל געגען יוסף'ן ארויסטרעטען.

יוחנן האט זיך געאיילט אנטון און ארויסגעלאפען צום שליח.

ער איז געקומען און גרייט זיך הערען דאס ערגסטע.

די אנוועזענדע האבען די אויגען אראבגעלאזט. איז דען נאך א האפנונג פערבליבען?

יוחנן איז געשטאנען ביים טיש און זיינע הענד זיך געהאלטען קרעמפהאפט אין דעם טיש און זיינע גליהענדע אויגען האבען געקוקט אויף דער טהיר, פון וואנען דער שליח איז געקומען.

אלע האבען געשוויגען, קיינער האט נישט געוואגט עפיס רעדען — די טיר האט זיך געעפענט און דער שליח איז אריינגעקומען.

— וואס האסטו צו דערצעהלען?

— בעשולדיג מיך נישט פאר מיין טרויריגער בשורה, איך מוז דאך אלץ זאגען, איך מוז דאך איבערגעבען די וואהרהייט. ער, דער שליח האט ארויסגענומען א פאפיר און עס איבערגעגעבען יוחנן, וועלכער האט א ווייל געלעזען און א ביטערער שמייכעל האט זיך אויף זיין געזיכט בעוויזען.

— ווילסט איהר הערען, וואס יוסף, דער זוהן פון מתתיהו שרייבט?

יוחנן האט זיך אויפגעשטעלט און שטאלץ געקוקט ארום זיך. דערהערענדיג דעם נאמען יוסף, האבען די אנוועזענדע מיט קללות איהם בעגעגענט.

— א טויט דעם פערראטער! א טויט דעם, וועלכער פערקויפט אונז צו די רוימער.

א שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף יוסף'ס ליפען און ער האט געגעבען א צייכען, אלע זאלען שווייגען

— יוסף דער זוהן פון מתתיהו בעגריסט די איינוואוינער פון גליל, וועלכע ער ליעבט מיט דעם גאנצען הארץ די הייליגע סנהדרין פון ירושלים האבען מיך אלס פערוואלטער פון גליל בעשטימט און דערמיט האבען זיי מיר די מאכט געגעבען צו טון אלץ לויט איך פערשטעה, צו בעשטראפען, צו בעפעהלען און הערשען.

יוסף האט אויסגערעכענט וואס אלץ ער האט געטהון פאר דעם לאנד און ווי גרויס עס איז זיין ארמעע. דער גרויסער ערפאלג, וואס ער האט געהאט, האט אבער שטארק אויפגערעגט יוחנן פון גוש חלב און אויס שנאה האט ער אנגעהויבען אויפצוהעצען דאס פאלק. דעריבער האט יוסף פארגעלעגט טויזענד רענדלעך דעם דאזיגען, וואס וועט פאנגען דעם אויפהעצער יוחנן און איהם ארויסגעבען

יוחנן האט פארגעלעזען דעם בריעף און זיך געווענדעט צו אלע אנוועזענדע:

— ווער פון אייך וויל פערדיענען די טויזענד רענדלעך, וואס יוסף האט פערשפראכען?

אלס ענטפער האט זיך דערהערט א שטורמישער אויסרוף:

— עס לעבע יוחנן! און נאך איידער ער האט געהאט צייט עפיס צו זאגען האבען די יונגעלייט אויפגעריסען דעם בריעף, מיט כעס און אויפרעגונג איהם צוריסען אויף שטיקלעך.

יוחנן איז צוגעגאנגען צום שליח:

— שטעה אויף, מיר פערצייהען דיר.

דער שליח האט זיך אבער נאכנישט געריהרט פון ארט.

— איך האב נאכנישט געענדיגט.

— רעד.

אלע זענען אנטשוויגען געווארען.

— דו האסט מיך געשיקט צו דיינע אנהענגער אין גליל, איך האב זיי בעגעגענט אין דער צאהל פון פיער טויזענד בעוואפענטע מאן, נאר...

ער האט נישט געענדיגט און אראבגעלאזט דעם קאפ.

— וואס שווייגסטו, רעד — האט יוחנן מיט כעס אויסגעשריגען.

— זיי האבען אבער דעם בריעף געזעהען און...

יוחנן איז פון ארט אויפגעשפרונגען, ער האט מיט אויפרעגונג אויסגעשריגען:

— און זיי האבען אונז פערלאזט? זיי האבען געפעלשט אין זייער לאנד, אין זייער פאלק? זאג דעם אמת!

דער שליח האט דעם קאפ אראבגעלאזט.

— און דאך איז עס ליידער אמת!

יוחנן האט פערדעקט זיין געזיכט און דער קערפער האט געציטערט אלע פאלען אב פון איהם, פערלוירען איז די האפנונג, פערלוירען זיין ארבייט, וועלכע ער האט אזוי פיעל מיה אוועקגעגעבען, יוסף האט דאס יודישע פאלק צוריסען.

ער האט געווארפען א בליק אויף די אנוועזענדע און בעמערקט ווי זיי שטעהן טרויריג, דערשראקען.

פלוצלינג איז איינער פון די עלטסטע, וועלכער איז שטענדיג טריי געווען ווען יוחנן אויפגעשטאנען און פערלאזען דאס הויז — ער איז געוועזען דער ערשטער, וועלכער האט פערלוירען דעם צוטרוי.

— וויפיעל נאך וועלען געהן?

א ביטערער שמייכעל האט זיך אויף זיינע ליפען בעוויזען. ער האט אויסגעשריגען:

— איך פרעג נאכאמאל ווער פון אייך וויל פערדינען דעם פרייז, וואס יוסף האט פאר מיין קאפ בעשטימט?

א ווייטע איז שטיל געווארען, ווי די שטומע זענען אלע געשטאנען. באלד אבער האבען זיי זיך ווי אויפגעכאפט, די שארפע שווערדען ארויסגעצויגען ארומגערינגעלט זייער אנפיהרער און איהם געבעטען ער זאל מעהר נישט זאגען דאס, ער זאל נישט צווייפלען אין זייער איבערגעגעבענהייט ביז צום לעצטען טאג, דען זיי וועלען איהם נישט פערלאזען.

דאס פיבער האט איהם געמאטערט, קעלט און היץ האבען זיך געביטען. ער איז אויפגעשטאנען, נאר געזאגט האט ער גארנישט.

(פארטז. קומט).

י. ל. פויגעל.

# רוים שטעהט אויף תחיית-המתים...

נישט שטענדיג גרעניצט זיך דער פיזישער אונטערגאנג פון א פאלק אדער א בעוועגונג מיט זיין פאקטישער פערשווינדונג פון דער מענשליכער היסטאריע. גאר אפט געשעהט עס, אז אונטערגעהענדיג בעוויזט נאך דאס פאלק אדער די בעוועגונג איבערצוווארפען זייגע גרונד עלעמענטען צו א אנדערע גרופע, וועלכע–כאטש אין א מאדיפיצירטער פארם–זעצט-פארט דאס, וואס איהר פארגענגערין האט אנגעהויבען און היט אב די ירושה, וועלכע איז איהר צוגעפאלען. דער גייסט פון א פאלק, דער קווינטעסענץ פון א בעוועגונג געהט אין דער היסטאריע אדורך פערשידענע גלגולים, בעווייזענדיג זיך אמאל אין דעם גוף, אמאל אין אן'אנדערן.

און עס געשעהען אפט אין דער היסטאריע אזעלכע וואונדער, אז דער איבערנעמער פון דער גייסטיגער ירושה פון אן'אונטערגעהענדען פאלק, איז גראד נישט קיין אנדערער, ווי דער זיעגער איבער'ן דאזיגען פאלק און איבערנעמען איבערנעמט ער גראד די עלעמענטען זיינע, צוליעב וועלכע ער האט יענץ פאלק בעקעמפט. אלמאנזאר פון א פאלענדער גרענאדע, וועלכער קריגט זיך אין צושטאנד פון געפעהרליכער קראנקהייט בגנבה אריין אין לאגער פון שונא און אבשטארבענדיג פון דער דאזיגער קראנקהייט, שטעקט ער אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען אן מיט איהר דעם שונא, מוז עס נישט שטענדיג טהון–ווי די לעגענדע וויל האבען–האלזענדיג און קושענדיג דעם שונא, נאר ער קען עס אויך טהון–און אין דער היסטאריע טהוט ער עס זעהר אפט–ראנגלענדיג זיך מיט איהם אין דעם לעצטען גראנגעל, פון וועלכען אייגער מוז שטענדיג פאלען. דערויף האט זיך די היסטאריע איהרע אייגענארטיגע מעטאדען, מיט דער הילף פון וועלכע זי נעמט נקמה פון זיגער.

ביישפיעלען? די היסטאריע קען אזעלכע אהן א צאהל. האט דאך דאס אלטע גריכענלאנד, וועלכעס האט אויפגעבליהט אויף די חורבות פון פערסיען איבערגענומען די מאראלישע לויזקייט פון מזרח, וועלכע איז מיט דער הילף פון דער גריכישער, סאפיסטישער ראפינירטקייט דערפיהרט געווארען צו דער מדרגה פון פולשטענדיגער מאראללאזיגקייט און וועלכע איז געוועזען איינע פון די הויפט-סבות פון דער שפעטערדיגער אויפלעזונג פון דער גריכישער מלוכה. האט דאך אפילו אזא בעוועגונג, ווי דאס קריסטענטום, וועלכעס האט אנגעזאגט א קאמף דעם היידענטום און געצענדינסט, נישט אויסגעמיטען איינצוזאפען אין זיך געוויסע הייראנישע עלעמענטען, וועלכע דריקען זיך אויס אין דעם רעליגיעזען בילדער-קולט און צוליעב וועלכען עס האט זיך אין דער היסטאריע פון 8-טען יאהרהונדערט אבגעשפילט איינער פון די אינטערעסאנטסטע אידעאישע קאמפען (ביזאנציום און די איקאנאקלאסטען). זעהען מיר דאך לסוף עדות פון אזעלכע ערשיינונגען, וועלכע שפילען זיך אב טאג-טעגליך פאר אונזערע אויגען. זיך-בעקעמפענדע בעוועגונגען בעאיינפלוסען זיך איינאנדער פון פערוישען איינציגוויז די גרעניצען, וועלכע טיילען זיי.

— — — — — — —

אין דער געשיכטע פון רוים ווארפט זיך אהן אויפהער אין די אויגען דער רוימישער אימפעריאליזם און די אויסערגעוועהנליכע, פערכאפערישע אפעטיטען פון דאזיגען לאנד. אין וועלכער עפאכע פון דער רוימישער היסטאריע מיר שטויסען זיך אן, טרעפען מיר די רוימישע לעגיאנען ערגיץ אין די מרחקים, ביים פערכאפען פרישע טעריטאריעס און ארונטערווארפען זיי אונטער דער רוימישער הערשאפט. די הצלחה שפילט זיי אפט, די רוימער און די מלוכה צוואקסט זיך און נעמט ארום כמעט די גאנצע דאמאלסדיגע וועלט.

רוים איז געפאלען. גערמאנישע שבטים, וועמענס בעזיץ איז פון די רוימער בעדראהט געווארען, שטויסען אב אלע אנגריפען און לאזען זיך גאר טיעף אין דער רוימישער אימפעריע בעזיעגען זי און ווישען איינמאל פאר אלע מאל אב די רוימישע מלוכה פון דער אייראפעאישער לאנד-קארטע.

פאלענדיג האט אבער דער רוימער בעוויזען אנצושטעקען מיט זיין אימפעריאליסטישען גייסט זיינע פערפאלגער, די גערמאנען. די דייטשען זענען געווארען, נישט בלויז דער פיזישער, נאר אויך דער גייסטיגער יורש פון רוים. אנקניפענדיג צו די רוימישע טראדיציעס שאפט דייטשלאנד דאס „רוימישע קייזערטום פון דייטשען פאלק" און נעמט די ערשטע איבער דאס רוימישע רעכט. אין איהר היסטארישען וועג ענטפלעקט זיך אפט פון אונטער'ן טופעט פולען דייטשען יונקער דער גייסט פון אמאליגען רוים און אין אונזער צייט קריכט דער רוימישער בער שוין אינגאנצען ארויס פון זיין גערמאנישער פעל.

דאס הייגטיגע היטלער-דייטשלאנד איז כמעט א געגויע קאפיע פון אמאליגען רוים. דערזעלבער גייסט, דיזעלבע ציעלען און אפילו דיזעלבע מעטאדען. בנוגע די קאמפס-מיטלען וועלכע היטלער ווענדעט אן אין בעצוג צו זיינע געגנער, האט ער זיך לגמרי נישט צו שעהמען פאר זיינע „פארגענגער", די רוימער מאריוש און סולא. אויך זיי האבען געמאכט פראסקריפציעס אויף זייערע געגנער, אויך אין זייער צייט איז אונגעהויער געשטיגען די עמיגראציע פון לאנד. און אפילו דער מיליטערישער גייסט, וועלכען דייטשלאנד פיהרט איין אין די שולען, איז לגמרי נישט קיין נייעס. כבר קדמם רומא.

פאר אונז יודען האט דאס א גרויסע בעדייטונג. רוים איז געוועזען אונזער אייביגער אנטאגאניסט. רוים און ירושלים דאס זענען אייביגע שונאים צווישען וועלכע דער קאמף מוז אויסגעשפילט ווערען ביז'ן סוף.

אין דעם ליגט אויך בעהאלטען אונזער האפנונג. דער בארבאריזם און די טיראניי האבען דערפיהרט צום אונטערגאנג פון רוים און זיי ווילען מיט השי"ת'ס הילף, אויך דאס הייגטיגע היטלער-דייטשלאנד פיהרען אין תהום. סימפטאמען פון דאזיגען אונטערגאנג ווייזען זיך שוין הייגט. די אינטריגעס, וועלכע וועבען זיך אין די הויכע פענסטער פון הייגטיגען דייטשלאנד און וועלכע דערמאנען פולשטענדיג אין די צייטען פון נעראן און קאליגולא, זעגען דער אנזאג פון א שנעלען סוף.

הלואי!

משה אש

# צום 100-יעהריגען יובל פונ'ם אלטען בית-המדרש.

## (תקצ"ד — תרצ"ד).

6.

(פארטזעצונג)

די יאהרען זענען געלאפען. דאס יודישע קהלה-לעבען אין טשענסטאכאוו איז זיך געגאנגען איהר נארמאלען וועג.

פון צייט צו צייט זענען אויסגעבראכען, ווי דער שטייגער איז, מחלוקות און ארומרייסעגישען. יעדעס מאל האט איין צד אונטערגעשטעלט א פיסעל דעם צווייטען: די בעלי-הבתים — די חס·דים, די חסידים — די פרנסים, ביז עס איז געקומען א צייט, ווען אלע היגע יודען האבען זיך פעראייניגט — דאס איז געווען דאמאלס, ווען עס האט אנגערוקט אנ'עת צרה אויף דער וועלט, וואס עס האט געקאסט דאס לעבען פון א סך טויזענדער נפשות און וואס ס'האט אויך נישט אויסגעמיטען אונזער שטאדט.

געשעהן איז דאס אין יאהר תק"צ (1830), בעת די גאנצע וועלט איז געווארען אויפגעציטערט פון די שוידערליכע ידיעות, וועלכע זענען אנגעקומען פון אינדיען און פערסיען, אז צוליעב דעם אונגעהויער-גרויסען הונגער, וועלכער בושוועט אין יענע געגענדען, איז אויסגעבראכען אנ'אונבעקאנטע קרענק, וואס פערורזאכט טויזענדער קרבנות. אומעטום, וואו די דאזיגע ידיעה האט זיך פונאנדערגעשפרייט, זענען נעגרינדעט געווארען קאמיטעטען, וועלכע האבען צונויפגעזאמעלט גרעסערע סומעס געלד און געשיקט אין די ערטער, וואו די מגפה האט גראסירט. אלע מלוכות האבען געשלאסען די גרעניצען, וואס זענען אין שכנות מיט די אויבענדערמאנטע צווי מדינות, בכדי צו פערהינדערען דאס פונאנדערשפרייטען זיך פון'דער עפידעמיע אין אנדערע לענדער. דאס געגענווירקען אבער פון די מלוכות געגען דעם פערשפרייטען זיך פון דער קרענק האט גארנישט געהאלפען.

אין תקצ"א (1831) האט זיך די מגפה איבערגעטראגען נאך אייראפא און אין א גאר-קורצער צייט האט זי בעוויזען צו ברענגען פיעל קרבנות אין גאליציען און דייטשלאנד, בפרט אין די שטעדט: לעמבערג, בראד, פויזען א. א. וו.

דער בעוואוסטער חובב-ציון אין יענער צייט, ר' אליהו גרייצער ז"ל, האט זיך פאר ראש השנה תקצ"ב געווענדעט צו זיין רבי'ן, דעם גאון ר' עקיבא אייגער זצ"ל מיט א שאלה, ווי אזוי זיך נוהג צו זיין מיט די תפילות אין ראש-השנה צוליעב דער מגפה, וועלכע ווילדעוועט אין זיין שטאדט. כאראקטעריסטיש איז ר' עקיבא אייגער'ס תשובה:

דער מרא-דאתרא זאל בעפעהלען, אז מעהר ווי 15 פערזאן זאל נישט ערלויבט זיין אין דער שוהל צו דאווענען. די תפילות זאל מען, ווי ווייט מעגליך פערקירצען און נאכדעם, ווי איין כתה וועט האבען אבגעדאווענט, קען אריינגעהן די צווייטע כתה, וועלכע טאר אבער נישט צעהלען מעהר ווי 15 פערזאן — און אזוי כסדר. צווישען איין דאווענען און דעם צווייטען מוז די שוהל געלופטערט ווערען. אזוי אבער ווי ער פערשטעהט, אז דאס וועט זיין שווער דורכצופיהרען, עצה'ט ער איהם, אז ער זאל זיך ווענדען צו דער פאליציי וועגען שיקען שומרים, וועלכע זאלען שטעהן אויף דער וואך, כדי דער בעפעהל זאל ווי געהעריג אויסגעפיהרט ווערען.

אויב דאס וועט ארויסרופען אנ'אונצופרידענהייט ביי די בעלי-הבתים, זאל דער מרא-דאתרא זיי זאגען, אז איך, עקיבא אייגער האב אזוי גוזר געווען און אזוי מוז עס בלייבען.

א חוץ דעם האט ר' עקיבא אייגער בעפוילען אין זיין תשובה צום גריידיצער רב, אז אלע מתפללים זאלען פאר'ן דאווענען עפיס טועם זיין און נישט קומען מיט'ן ניכטערען מאגען

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## צוויי מאל חי!

ענדליך, רבותי, האט זיך די היגע „אגודה", וועלכע איז לעצטענס געווען כצאן בלי רועה, קאנסטיטואירט און האט א פעסטע פערוואלטונג מיט א פ·עזידיום, א סעקרעטאריאט און אלע זיבען זאכען ווי עס געהער צו זיין.

פון איצט אן, זאגען זיי, וועט זיך ערשט אנהויבען די ארבייט אויף אלע געביעטען כדבעי למהו.

קודם כל וועלען זיי איינפיהרען א דיסציפלין, וואס איז די לעצטע צייט געווען אבגעשוואכט און האט פערשאפט עגמת נפש די פיהרער און א פערשוועכונג די בעוועגונג. מיר מוזען ארבייטען אין איינקלאנג מיט דער צענטראלע — האט אונטערגעשטראכען איינער פון די לידער — און ווער עס וועט זיך שטעלען אין וועג, וועט ווערען פערטריבען מחוץ למחנה.

פערגאנגענע וואך איז פארגעקומען די פערזאמלונג, וואו מען האט גערעדט, דיסקוטירט, געוואלט איבערצייגען, דערפאר אבער די וואך האט מען שוין גארנישט גערעדט, נאר בלויז אבגעגעבען די שטים-צעטלען, עס זאגט זיך נאר אזוי נישט גערעדט, אוודאי, האט קיינער נישט גערעדט, אויסער ר' דוד יצחק'ן, וועלכער האט אפילו דאס מאל אייך געהאלטען זיין איפכא מסתברארעדע.

איידער די וואהלען האבען זיך אנגעהויבען האט ר' דוד יצחק געבעטען (ביי זיך אליין...) ס'ווארט און געגעבען אן'ערקלערונג, אז ער בעשטעהט נישט אויף די וואהלען און אז ער וועט בעזה"י די וואהלען פסל'ען דערפאר, ווייל — נו, די מאטיוון זענען שוין איהם בעוואוסט... דער עולם וועהלער, אין דער צאהל פון 160 ארטאדאקסישע יורען האבען זיך אבער נישט צוגעהערט צו דעם אלטען וועטעראן און האבען יא געוועהלט און אנ'אומגליק — ר' דוד יצחק'ן אינגאנצען נישט אריינגעשטעלט אין דער וואהלליסטע, אזוי, אז ער איז געבליבען נישט מעהר ווי א פראסטער סאלדאט.

איהר פערשטעהט די טראגעדיע? עס מאכט אבער נישט. אונזער ר' דוד יצחק איז אנ'אלטער קעמפער און קאן פולווער שמעקען. ער וועט זיך שוין זיין שטעדטיל בעשטעהן און ווי זיינע מקורבים פערזיכערן, וועט זיך די „אגודה" נאך ביי איהם בעטען, אז ער זאל איבערנעמען די לייטונג...

דערווייל אבער האט מען אין איהם פערגעסען און מיר דריקען איהם אויס אונזער מיטגעפיהל.

סיי·ווי האט מען געוועהלט א פערוואלטונג פון צוויי מאל ח"י, ד. ה. 18 אין דער פערוואלטונג און 18 פערטרעטער. פארוואס 18? דאס איז שוין מסתמא זייער סוד. הלמאי האבען זיי ביים לעצטען סיים געהאט די ליסטע 18? די היגע „אגודה" אבער האט נישט יוצא געווען מיט איין מאל 18, נאר געוועהלט צוויי מאל ח"י?

## הויז-בעזיצער, פעראייניגט אייך!

ערשט האב איך אייך דערצעהלט, ווי אזוי די „אגודה" האט גערופען אלע רעליגיעזע יודען, אז זיי זאלען זיך פעראייניגען, הערען מיר אויך אפט (איצט אביסעל שוואכער), ווי מען רופט פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך. היטלער, ימח שמו, האט אויך א לאזונג: „ארויער פון אלע לענדער, פעראייניגט אייך". און אט האב איך די וואך געהערט א רוף: „בעלי-בתים, קאמיעניטשניקעס פון אלע גרויסע און קליינע הייזער, פעראייניגט אייך!

אונזער בעלי בתים-פעראיין, וועלכער האט געמאכט א חנוכת · הבית פון א נייעם לאקאל, האט ביי דער געלעגענהייט איינגעלאדען א פארשטעהער פון דער צענטראלע פון די בעלי-בתים פעראיינען אין ווארשא, וועלכער האט נעהאלטען א רעפעראט וועגען דער ביטערער לאגע פון די גאספאדאזשעס און זיי גערופען צו פעראייניגונג.

אז די בעלי-בתים איז נישט אזוי היימליך, האב איך באלד געהערט אין ערעפנונגס · ווארט פון פרעזעס וועקסלער, וועלכער האט דערצעהלט, אז ביז-איצט האבען זיי, נעביך, גישט געהאט קיין אייגען ווינקעל און האבען געמוזט זיין א סובלאקאטאר ביי יענעם, נאר ענדליך האבען זיי נאך לאנגע מיה און אנשטרענגונג, דאך זיך דערשלאגען צו אנ'אייגענער וואוינונג און דאס איז די אורזאך פון זייער שמחה.

דער רעפעראט ווידער פון ווארשאווער גאסט איז אויך געווען אנ'איכהליעד, וואס בעקלאגט דעם גורל פון די הויז-אייגענטימער, וועלכע האלטען איין דאס רייכקייט פון לאנד און נאר די ווידערשפעניגע לאקאטארען, וועלכע ערפולען נישט זייער התחייבות בנוגע די בעלי · בתים ברענגען שאדען און זענען די גורמים פון דעם קריזיס א. ז. וו. און דעריבער איז נויטיג די ארגאניזאציע פון אלע בעלי-בתים, וועלכע זאלען נאר האבען אין זינען די טובה פון לאנד און זעהן, אז די פוילישע מלוכה זאל זיין גרויס און רייך.

אויף דער דאזיגער פערזאמלונג איז אויך געווען דער געעהרטער רב, וועלכער איז ארויסגעטרעטען מיט א בעגריסונג. דער רב איז געווען אויפריכטיג און האט ערקלערט, אז ער איז א'ן א פערלעגענהייט, ווארום אויב ער גיט א ב·כה די הויזווירטען וועט עס דאך אויסנעהן צו די לאקאטארען'ס קעפ, דעריבער ווינשט ער ביידע צוזאמען: ער ווינשט, אז דער קריזיס זאל אויפהערען, אלע לאקאטארען זאלען האבען צו צאהלען דירה געלד און דאס ווארט עקסמיסיע זאל פערשוואונדען ווערען פון לעקסיקאן.

כמעט אין דערזעלבער פערלעגענהייט האב איך זיך געפונען שפעטער, ווען נאכ'ן רעפעראט האט מען אונז, פרעסע לייט (הבחור הזעצער, זייט פארזיכטיג און פערגעסט נישט דאס פינטעלע אין דער פ...) איינגעלאדען צום באנקעט, וואס איז פארגעקומען צוליעב'ן יום-טוב, וואס אלע היזווירטען האבען ענדליך בעקומען אנ'אייגענע דירה, וואס זאל איך טהון — האב איך זיך געטראכט: געהן צום טיש און טועם זיין, וועל איך דאך דערמיט טהון א רעה מיינע חברים לאקאטארען, ווארום איהר ווייסט דאך, אז אונזער זשורנאליסטען · חברה, ווען מען פערשטופט זיי דעם פיסק, שווייגען זיי...

נישט געהן צום טיש? האב איך זיי נישט געקאנט פערגינען, אז זיי זאלען דאס אלץ אליין ארארבוימען... נאך א קירצען ישוב הדעת, וואס מיר האבען אבגעהאלטען, האט מען בעשלאסען יא אנטייל צו נעמען אין באנקעט און מיר האבען כאטש דאס מאל אין די בעלי-בתים זיך נוקם ונוטר געווען און „נעארפייט" אויף וואס די וועלט שטעהט, ווארום פון דירה-געלט וועלען זיי אונז סיי ווי סיי נישט ארבלאזען, איבערהויפט איצט, ווען זיי ארגאניזירען זיך און געהן זיך נעמען צו אונזער לעבען און געהן מיט אונז לערנען א פרק בלק.

אט, ווי איהר זעהט, האבען זיך די בעלי בתים פעראייניגט און געהן ערפולען דעם חוב, וואס די געזעלשאפט, די מלוכה, און דער עיקר די השגחה, האט אויף זיי ארויפגעלעגט...

און זייט וויסען רביתי-לאקאטארען, אז טאמער וועט פון אייך א ווירט פערלאנגען דירה-געלד און אפילו ווען עס וועט קומען צו אנ'עקסמיסיע, זאלט איהר אויף איהם נישט האבען קיין פעראיבעל, ווייל ער מיינט נישט חס ושלום אייך קיין צולה צו טהון, נאר ער ערפילט... א מלוכה-אויפגאבע, ווייל וואס מעהר דירה-געלר א ווירט נעמט, אלץ רייכער וועט זיין דער מלוכה-אוצר און אויך די הייזער וועלען נישט איינפאלען.

נאך איין פרט: אויף דער פערזאמלונג, ווי אויך אויפ'ן באנקעט איז געווען אנוועזענד דער בעוואוסטער ענדעקישער טהוער אדוו. פלעבאנעק, וועלכער האט זיך גאר דערקוויקט מיט די יודישע פיש. הפנים, אז אויך דער ענדעק איז גרייט צוליעב דעם הויכען ציעל, וואס די בעלי-בתים האבען אויף זיך גענומען, באדיי צו עסען יודישע פיש און אויך צו נעמען א סך דירה-געלד...

יעדענפאלס בין איך ענדליך געוואויר געווארען דעם פראגראם און די אויפגאבען פון די הויז-ווירטען. מיט אנדערע ווערטער: איך בין שוין בקי אין אלע פאראגראפען, נאר איין קלייניגקייט פעהלט מיר — צו זיין א הויזאייגענטימער. כ'ווייס? מעגליך אויך דאמאלס וואלט איך געשריגען: הויזבעזיצער פעראייניגט אייך!...

## אנ'אפענער בריעף צו דער מאדאם שטארקע.

זעהר געעהרטע מאדאם שטארקע, לייטעריך פון טשענסטאכאווער זקניםאון יתומים-הויז!

אין נומער 5 פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" האב איך זיך דערלויבט אנצוווייזען אויף א טרויעריגע ערשיינונג, וואס האט געהאט פלאץ אין דעם אנשטאלט, מיט וועלכען איהר געעערטע מאדאם, פיהרט אן. נעמליך, אז עס האט געטראפען, דאס א בר

אין דער שוהל אריין.

אויך דער „חתם סופר“ האט פונאנ־דערגעשיקט אין זיין סביבה צו פער־שידענע רבנים אנווייזונגען, ווי אזוי זיך נוהג צו זיין אין די ימים נוראים צוליב דער עפידעמיע.

די מגפה האט, ווי בעוואוסט, אויך נישט געשוינט אונזער שטאדט, וואו זי האט געבושעוועט פון חודש תמוז תקצ"א (1831) ביז ערב סוכות תקצ"ב. אין פערלויף פון די דאזיגע דריי חדשים האט זי פעראורזאכט אין אונ־זער קהלה 49 קרבנות, צווישען וועל־כע עס האבען זיך געפונען פיעל אנ־געזעהענע יודען, ווי: דער ערשטער טשענסטאכאווער דאזאר ר' מאיר שפי־רא, וועלכער האט זיך אנגעשטעקט, זייענדיג זיך מתעסק מיט א מגפה חולה. דעמזעלבען גורל האבען אויך געהאט: דער שוהל־גבאי וואלף טעמפעל און די כלל־טהוער ישעיה לעווענהאף און יוסף גייסלער.

א סך מיה און איבערגעבענהייט האבען ארויסגעוויזען די דאמאלסדיגע ראשי־הקהלה: ליפמאן היימאן, הערצל קאהן און לייב ליקערניק. אגב איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז פיעל פון די מגפה ־ קרבנות זענען, לויט דער פעראָרדנונג פון דער רעגירונג נידון געווארען לשרפה, בכדי צו פעראונמעג־ליכען די פערשפרייטונג פון דער עפי־דעמיע. די ראשי קהלה אבער, וועלכע האבען געוואלט צו קבורה ברענגען זייערע ברידער, האבען די אלע קר־בנות קובר געווען אין געהיים, נישט מעלדענדיג וועגען דעם אין מאגיס־טראט. אזוי־ארום איז אויסגעקומען, אז בעת אין היגען חברה־קדישא־בוך פון יאהר תקצ"א געפונען זיך געשטארבע־נע פון דער עפידעמיע במשך פון 3 חדשים—49 נפשות, זענען אין די מא־גיסטראט ביכער פערצייכענט געווארען נור 4.

א חוץ דער מגפה האט דאס לאנד געהאט צו ליידען פון דער פאוסטא־ניע. דאס פוילישע פאלק האט דאס־זעלבע יאהר געוואלט זיך בעפרייען פון טיראנישען רוסישען יאך און פער־יאגט די רוסישע אקופאנטען פון מעה־רערע שטעדט אין פוילען. דאס אלץ האט גורם געווען, אז דער הונגער, וועלכער האט געהערשט אין לאנד, איז נאך פערגרעסערט געווארען.

ערשט דאמאלם האבען זיך די היגע יודישע איינוואוינער אויפגעוועקט פון זייער לעטארגישען שלאף און דערזעהן ווי קליינליך זיי זענען געוועזען, פיה־רענדיג מעהרערע יאהרען מחלוקות אי־בער א בית המדרש, ויצמח פורקניה און נאך אזאלכע קליינינגקייטען. די צרות הכלל, וועלכע האבען געטראפען אלע יודען, דאס מסירות־הנפש, וואס די ראשי־הקהלה האבען בעוויזען און פערלויף פון דער גאנצער צייט פון דער מגפה, זארגענדיג פאר די חולאים און דערנאך פאר די אלמנות און יתו־מים, ווי אויך דאס אינטערוועגירען ביי דער מאכט, בעת דער צייט פון אויפשטאנד, איינשטעלענדיג דערביי זייער לעבען — דאס אלץ האט איבער־צייגט די היגע יודען, אז א יודישע קהלה דארף שעצען און נוהג כבוד זיין זייערע פארשטעהער. א ברודער־ליך געפיהל האט דאן ארומגענומען אלע היגע יודישע איינוואוינער, נישט אויסמיידענדיג בעלי־בתים, חסידים און אינטעליגענטען און נאכדעם ווי די עפידעמיע האט שוין אויפגעהערט און די ארדנונג אין לאנד איז געווארען צוריקגעשטעלט, זענען חי טבת תקצ"ב אין דער וואוינונג פון דעם גביר און אדם חשוב יוסף קאהן (א זיידע פון די קאהנ'ס פון דער פאפיר ־ פאבריק) צוזאמענגעקומען זיך אויף אנ'אסיפה די חשובי־העיר און בעשלאסען אבצו־שטעלען די געגענזייטיגע מחלוקת'ן צווישען זיך, צו גרינדען א תלמוד־תורה פאר די יתומים פון די מגפה־קרבנות, צו שאפען א גרעסערען סכום געלד, בכדי צו פערשענערען די אי־נערליכע איינריכטונג פון דער שוהל און אויפצובויען א גרויס בית המדרש.

(המשך קומט).




פ. בלומענקראנץ.

# טעאטער=אוועגדען.

(נאטיצען).

1.

קאמעראל ־ טעאטער: „אשאנטקא“, קאמעדיע אין 3 אקטען פון וו. פערזשינסקי. רעזשי א. גאל.

דער תוכן:

לאנסקי, א יונגער גוט־בעזיצער בע־קענט זיך דורך זיין פריינד מיט א גע־וויינליך מיידעל, א סטרוזש'ס טאכטער. ער פערליבט זיך אין איהר און זיי פאהרען אוועק קיין פלארענץ.

זי אבער, ווערענדיג א „דאמע“, ווארפט זי איהם אוועק צוליב... א קעלנער, וועלכער וויל זי אין דער אמת'ן נור אויסנוצען.

לאנסקי פאהרט צוריק קיין ווארשא צובראכען, פערארימט. און ווען ער קומט צו איהר בארגען זיך 25 רובל און זי פערזאגט איהם, בעגעהט ער זעלבסטמארד.

מ'קען מסכים זיין מיט'ן מחבר און נישט מסכים זיין. וויל מען זעהט מען אין דער קאמעדיע געוויסע אנטי־לי־בעראלע טענדענצען, דהיינו: אז דעם מענש, וואס שטאמט פון א נידריגער ספערע איז זיך שווער צו דערהויבען, מענשליך דאנקבאר צו זיין. ווארום טראץ דעם, וואס לאנסקי האט זיך פאר איהר מקריב געווען, שמייסט זי איהם אויף א נידערטרעכטיגען אופן אוועק. זי בעגרייפט נישט זיין אפפער־וויליגקייט, זיינע גרויסע קרבנות און ווארפט זיך ליבערשט אין די ארעמס פון אלטע בעלי־עברות, כדי צו קענען פון זיי געלד אויספרעסען.

מ'קען אויך זאגען פערקערט: מ'ווייזט די צופוילטקייט פון די רייכע ליידיג־געהער, די קאנסעקווענצען פון דער דעמאלסדיגער ערציהונג, אונטערשטריי־כענדיג דערביי גאר, אז די דאזיגע בעציהונג איהרע איז א פועל־יוצא פון דעגענעראציע פון די מאסען צו־ליב'ן הערשענדען סאציאלען סדר.

אבער מיר ווילען איצט נישט חוקר'ן זיך וועגען אינהאלט. מיר ווילען דער עיקר אונטערשטרייכען דעם אופן פון אהערגעבען די קאמעדיע, און טאקי דער אויפפיהרונג ווידמען עטליכע ווער־טער.

ביי דער אלגעמיינער, פשוט זלזול'־דיגער איינשטעלונג צו אויסערליכקייט אין די פראווינץ טעאטערן, איז דאס ארטיגע שטאדט־טעאטער אנ'אנגענע־מע־ אויסנאם.

די ערגנסטע בעציהונג אי אין בע־צוג דער ראלען־בעזעצונג, אי אין בע־צוג דער אויסשטאטונג, ווייזט בולט דעם זארגפעלטיגען קינסטלערישען יחס פון דער לייטונג צו זייער אר־בייט.

א פראפא ראלען־בעזעצונג:

די ראלען־פערטיילונג, מוז מען מיט אנערקענונג קאנסטאטירען, איז כמעט תמיד א דורכגעטראכטע און געלונגע־נע און נישט קיין פראטעקציאנעלע, וואס טרעפט זיך אפט אין טעאטער־וועלטל.

און דאס איז שוין א סך!

אויך דאס מאל, געבענדיג די הויפט־ראל א. בעניטא'ן איז עס געווען ריכ־טיג. דער רעזשיסער האט אונז געווי־זען, אז די דאזיגע ארטיסטין קען — אמת, אין איהר זשאנר — אהערגעבען א קאמפליצירטע און שווערע ראל. בעניטא האט טאקי דאסמאל אונז שטארק געפעלען אין איהר שפילען און ארויסגעוויזען ארטיסטישע ראפינירקייט אין די איבערגאנגען. (א שאד, וואס דער פינאל פאלט אויס שוואך מצד בעניטא'ן). דער איבערגאנג פון טרא־גיזם צו פשוט'ער ציניזם איז א צו־שנעלער און גישט־נאטירליכער, נע־מענדיג אין אכט דעם אופן פון איהר רעאגירען לכתחילה אויף לאנסקי'ס טויט).

אויך וואיטעצקי, וועלכער איז, אגב, א שוישפילער מיט פערשידענארטיגע מעגליכקייטען, האט אויסגעצייכענט סע־קונדירט בעניטא'ן. ד"ין אויסוואהל מצד דער רעזשי איז אויך געווען א געלונגענער.

ווען מיר וועלען נאך צוגעבען, אז אלע אנדערע ראלען ווערען אויך פיין אויסגעפיהרט, ווי: מאלינאווסקי אלס באראן קרעצקי, גאלאווא אלס „גאס־פאשא“ א. ז. וו., ווי אויך, אז די דע־קאראציעס זענען איינפאלעריש און געשמאקפולע, וועט זיין זעלבסטפער־שטענדליך פארוואס די פארשטעלונג, טראץ דעם, אפשר — אין פלוג — נישט זעה־ אינטערעסאנטען אינהאלט, ווערט דאך געזעהן מיט אמת'ער הנאה.

2.

ארטיסטישער אווענד, איינגעאר־דענט און אויסגעפיהרט דורך די חלוצים פון דער גערטנער־פערמע.

לעצטענס האבען מיר, ברוך השם, געהאט א גאנצע רייה אמאטארישע פארשטעלונגען, עפ"י רוב פון א צוויי־פעלהאפטען ווערט און געשמעקט מיט שטארקען דילעטאנטיזם.

די פארשטעלונג אבער פון די חלו־צים איז שוין געווען לגמרי אנ'אנדע־רע און ס'איז איבער איהר זיך כדאי עט־וואס אבצושטעלען.

כידוע בעציהט מען זיך בכלל מיט בטול צו אנשטרענגונגען פון אנפאנגער. די נאו־דרעהענדע אינטעליגענטען איג־נארירען אינגאנצען די עפענטליכע פרובען פון אמאטארען, האבענדיג א פריארי זייער נעגאטיווע מיינונג וועגען דעם „צונארמאכערריי“ פון יונגלעך.

מענשען אבער, וואס האבען א וואר־רימע, אנ'אינערליכע בעציהונג צו קונסט, פאלגען נאך מיט אינטערעס די בעמיהונג פון די „יונגע“ און ענטדע־קען דארט פיעל מאל כוחות בעדייטענ־דע, און מאנכע פאלען אפילו פערבלי־פענדע.

אויב א מענש האט באמת טאלאנט, מעג ער זיין ווי רוי, שפריצט ער א־רויס פון אלע שפארעס, דער ניצוץ בעווייזט זיך, איז בוקע ועולה.

און דאס איז טאקי דאס אינטערע־סאנטע, מיר וואלטען געזאגט, עמאצ־יאנעלע פאר דעם ערענסטען בעאבאכ־טער: דאס בעמערקען דעם ניצוץ, דאס פלעמעל, וואס רייסט זיך און זוכט א תקון.

פון דעם לעצטען סוג מענשען מיט פערשטענדניש, ערענסטקייט און בע־דייטענטער בעגאבונג, איז בעמערקט געווארען אויפ'ן דערמאנטען אווענד, און דריי פון זיי, דהיינו: פרל. שריי־בוים און די חלוצים עטינגאן און אי־בערהויפט שומאן, מוזען בעזונדער'ס דערמאנט ווערען לשבח.

עטינגאן האט אונז אין איניגע נו־מערען איבערראשט מיט זיין טעמפע־ראמענט, פיינער אינטערפרעטאציע און סצענישער פערשטענדניש. ער האט זיינע נומערען אויסגעפיהרט אויסגע־צייכענט. דאס זעלבע די אנדערע צוויי.

און ס'איז טאקי דעריבער נישט קיין וואונדער, וואס די דריי אויסגערעכענ־טע זענען געווען דער עמודי־תוך פון דעם אווענד.

אבער מיר וואלטען בעגאנגען אנ'־אונרעכט גישט אונטערצושטרייכען מיט אמת'ער סאטיספאקציע, אז דער גאנ־צער פראגראם, אנהויבענדיג פון די נומערען „גאסען־פויקער“, „פעמונים“, „דזשעז“ ביז צו די קאלעקטיווע (בע־זונדערס—די לעצטע) זענען געווארען פרעכטיג אויסגעפיהרט. און טאקי ועל כלם די מאסען ־ דעקלאמאציעס, ווי: „הככבת“, „הענד“ א. א.

כאראקטעריסטיש: הגם אהן פיה־רענדער האנד איז געווען בעמערק־באר דורכגעטראכטקייט, ערנסטקייט און געשמאק אין איטליכען נומער בע־זונדער.

בקיצור:

דער אווענד הן אין מאטעריאל־אויסוואהל (מאנכע האבען נור פער־לאנגט מעהר חלוצישעס), הן אין אופן פון אויספיהרונג איז געשטאנען אויף א געהעריגער, אהן גוזמה, קינסטלערי־שער מדרגה, און כ'לעבען מצגען זיך נאך מאנכע פראפעסיאנעלע טרופעס קימען לערנען ביי אט די חלוצים, ווי אזוי מ'דארפט שפילען!

מינן איז געלעגען אויף דר'ערד אהן א ליכט צוקאפענס און אהן א שומר, אינדערזעלבער צייט איז אין דעמזעל־בען צימער געלעגען נאך א לעבעדי־גער קראנקער, אהן שום אויפזיכט, וואס ס'איז לויט מיין מיינונג א חילול מתים און א חילול ערב־מתים.

איך האב וועגען דעם פאקט געשרי־בען נישט, חלילה, שאדען צו ברענ־גען דעם אזוי וויכטיגען אנשטאלט, וועלכער איז זעהר בעליבט ביי דער יודישער געזעלשאפט. ווי אייך איז בע־וואוסט, האט דער שרייבער פון די שו־רות שטענדיג געהאט און האט אויך איצט א פאזיטיווע בעציהונג צו דער דאזיגער אינסטיטוציע. אויב איהר, חשוב'ע מאדאם, דערמאנט זיך, האב איך נאך א יאהר פאר דער מלחמה און אויך אין די מלחמה־יאהרען, ארביי־טענדיג אין „טשענסטאכאווער טאגע־בלאט“, שטענדיג געשריבען מיט בע־גייסטערונג און אגיטירט, אז די דאזי־גע אינסטיטוציע זאל און דארף אונ־טערשטיצט ווערען פון די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקע־רונג. אויב איך האב אבער וועגען דעם אויבענדערמאנטען פאקט געשרי־בען, איז עס דערפאר, ווייל איך האב געוואלט, אז די אינסטיטוציע זאל נישט ליידען, ווייל וועגען דער דאזיגער גע־שעהעניש האט מען גערעדט אין דער גאנצער שטאדט, און דערפאר טאקי האב איך געוואלט, אז איהר, זעהר געעהרטע מאדאם, זאלט וועגען דעם ענין געבען אנ'אויפקלערונג, וואס איהר האט אבער ליידער ביז איצט נישט געטהון.

איך ווייס אויך, אז בעת דאס איז געשעהן, זענט איהר נישט געווען אין טשענסטאכאוו, אבער אייער פליכט איז געווען די זאך אויסצופארשען גרונדליך און זיך בעמיהען, אז אזעלכע זאכען זאלען מעהר נישט פארקומען. פארוואס איהר האט דערויף נישט רעאגירט, איז מיר נישט בעוואוסט.

אנשטאט דעם אבער האט מען אינ־ספירירט א „פריע־אין רעדאקציע“ פון עטליכע זקנים פון אייער אנשטאלט, וועלכע לייקענען אב דעם געשעהענעם פאקט, און דערביי דערלויבט מען מיך חושד צו זיין אין וועלען שאדען ברענ־גען דער אינסטיטוציע.

אלזא זייט וויסען, מאדאם שטארקע, אז די טרויריגע ערשיינונג, וועגען וועלכער איך האב געשריבען, איז ליי־דער אמת, וואס איז בעשטעטיגט געווא־רען דורך אונטערשריפטען פון צוויי עדי־ראיה. (די אונטערשריפטען געפו־נען זיך ביי אונז אין רעדאקציע און מיר זענען גרייט אייך דאס צו ווייזען). און זאגאר איינער פון די זקנים, וועלכער האט אונטערגעשריבען דעם דאזיגען כלומרשטען בריעף אין רע־דאקציע, האט זיך אויסגעדריקט, ווען מען האט איהם געפרעגט וועגען דעם סקאנדאל, אז ער מוז שווייגען און טאר נישט רעדען, אויב ער וויל בליי־בען אין אנשטאלט...

כ'ווייס גאנץ גוט, מאדאם שטארקע, אז איהר וואלט גישט טאלערירט אזא האנדלונג, איהר זענט צו איידעל צו דערלאזען אזא חילול המתים, איהר זענט אבער פעראנטווארטליך פאר איי־ערע אונטערגעארדנעטע, אז זיי זא־לען נישט דערלאזען צו קיין שווינע־רייען און במילא דערמיט קאמפראמי־טירען אזא אינסטיטוציע, וואס איז אונז אלעמען ליעב און טייער.

קורץ, איך דערקלער אייך, אז די פאקטען, וואס איך האב בעשריבען זענען אמת, און מיין כונה איז געווען נאר צו פערמיידען א קאמפראמיטאציע פון דעם אנשטאלט, מיט וועלכען איהר, חשוב'ע מאדאם, פיהרט אן.

לכן, ערוואַרט איך, אז איהר זאלט אזוי גוט זיין און דעם ענין אויספאר־שען און געבען פאר דער עפענטליכ־קייט די געהעריגע ערקלערונג, פער־אורטיילענדיג די יעניגע, וועלכע זע־נען פלוצים געווארען כלומרשטע אנהענ־גער און פאקטיש זענען זיי נאר אוי־סען מחלוקת און רכילות, וואס וועט זיי, כ'פערהאף, דאס מאל נישט געלונ־גען.

איך ערווארט אייער געפעליגע תשו־בה, כדי דער דאזיגער ענין זאל ענד־ליך אויפגעקלערט ווערען.

## טאמער פערקעהרט?...

בעת די שטורמען און דונערן, וועל־כע זענען פארגעקומען פאריגען דא־נערשטאג, איז אריין א דונער אין דער גארנצארסקא גאס. בעקלאגען זיך די דארטיגע איינוואוינער אזוי צו קלא־גען:

האט דער דונער געמוזט טרעפען אין דער גארנצארסקא גאס און דער מיליאן אין דער ערשטער אלעע?! ס'האט דאך געקאנט אמאל זיין פער־קעהרט — דער מיליאן האט געקאנט טרעפען אין דער גארנצארסקא גאס און דער דונער אין דער...

## מען דארף נאר וועלען נעמען, קיין געבער פעהלט קיינמאל נישט.

מען האט שוין וויפיעל מאל געשרי־בען וועגען דעם, אז ביי אונז יודען דארפען זיך נאר געפונען אזעלכע, וואס זאלען וועלען נעמען, ווארום קיין געבערס וועט קיינמאל נישט פעה־לען.

אט, למשל, די קרן־היסוד אקציע, וועלכע מען האט צוליעב דער אפא־זיציע פון עטליכע ציוניסטישע ריכטונ־גען פארגעזאנט א דורכפאל, און פער־געסט נישט, אז מיר לעבען דאך אי־בער א גרויסען קריזיס, פונדעסטוועגען, אז עס זענען נאר געווען נעמערס, האט זיך די סומע, וועלכע טשענסטא־כאוו פלעגט שטענדיג געבען ווידער אבגעצאהלט.

די „גמילת חסד“־קאסע (אגראדאווא 6) ארבייט מעשים, אז איהר קאסע זאל זאל זיין בעזארגט מיט געלד, כדי צו קאנען געבען הלואות ארימע קליינהענ־דלער און האנדווערקער. נוצט די פער־וואלטונג אויס יעדע געלעגענהייט, כדי צו געמען געלד: א בלימעל־טאג, א פארשטעלונג, א זאמלונג. איצט הא־בען זיי פראקלאמירט א נדרים־אקציע. מיינט איהר, אז זיי וועלען נישט הא־בען א שעהנע מטבע?! אונזערע יודען דארפען נאר האבען ווער עס זאל ביי זיי וועלען נעהמען, קיין געבערס ווע־לען קיינמאל נישט פעהלען.

## אגודה'שע חלוצים פאהרען קיין ארץ־ישראל.

רבותי, עס קומט פאר אנ'ענדערונג פון אלע אנגענומענע כללים און אי־דעאלאגיעס. שטעלט אייך פאר, אז חלוצים זענען שוין נישט און מוזען נישט דוקא זיין ציוניסטען, נאר עס זענען שוין פערהאן אויך אגודה'שע חלוצים, וועלכע פאהרען קיין ארץ־ישראל, כדי מקים צו זיין דעם פסוק בזעת אפיך תאכל לחם.

ווי לאנג איז ווי די „אגודה“ האט געקעמפט געגען ארץ ישראל־געדאנק. האט מען דאך ערשט נישט לאנג גע־האלטען דאס פאהרען קיין א"י און זיך וועלען בעפרייען אלס נארמאל גע־זונד פאלק—פאר אנ'אפיקורסות. זעהענ־דיג אבער, אז ארץ ישראל ווערט וואס אמאל אלץ מעהר לעבעדיגער פאקטאר אין יודישען לעבען, האט אויך די „אגודה“ נישט געקאנט פערמאכען די אויגען און אנגענומען אנ'אנדערע טאק־טיק, לאמור אזוי צו זאגען: אויב די יוגענד פאהרט יא קיין ארץ ישראל מו־זען מיר אויף דעם האבען די השגחה.

עטליכע צעהנדלינגער הכשרה פונק־טען האט די „אגודה“ שוין אין פוי־לען און זיי שיקען אב די פארטיעס חלוצים קיין ארץ־ישראל. די וואך איז דורך טשענסטאכאוו אדורכגעפאהרען א פארטיע אגודה'שע חליצים; ווי זיי זא־גען איז דאס שוין דער צווייטער טראנ־ספארט.

ווי איהר זעהט, לאזט נישט די „אגודה“, אז מען זאל איהר ארויסנע־מען די השפעה פון די הענד. און ווי זי זעהט נאר, אז עס איז א דראנג פון דער יוגענד, דא איז זי שוין דא און פיהרט אליין אן מיט דער בעווע־גונג.

ארץ ישראל — זאגען זיי — געהער נישט בלויז צו די פרייע, צו די ציו־ניסטען, נאר צו זיי, צו די אגודה'שע חלוצים.

לויתן.

# דער וועג.

מען בויט א מלוכה, מען שטרענגט אן אלע כחות צו דערגרייכען דעם פאסיגען ארט אין דער משפחה פון אומות העולם — מען קעמפט פאר זיך.

דער קאמף איז אבער א שווערער, אבגערעדט שוין פון אויסערליכע מניעות. מען בויט א מלוכה און מען זעהט גארנישט, אז מען בויט נאר פריוואטע הייזער, אונטערנעהמונגען, כדי צו דערגרייכען א שטיקעל חיונה. די שענסטע און בעסטע פון אונזערע חלוצים, ווען זיי געפונען זיך אפילו אין א קבוצה, ארבייטען זיי פאר זיך. יא, אפשר עראבערן זיי א נייעם פלאץ, אפשר פארנעהמען זיי א סטראטעגישען פונקט אין לאנד, אבער דאס איז נאך ווייניג מען זאל עס קענען אנרופען דער בוי פון א מלוכה. אז מען הויבט אפילו די קאניונקטור פון לאנד, פון ארץ-ישראל, ווען מען ברענגט אריין וואס מעהר קאפיטאל, איז עס נאך אלץ ווייניג. דער ארץ ישראל-בודזשעט איז אנ׳אקטיווער — דאס איז א לאנד, וואו עס איז נישטא קיין מלוכה-דעפיציט. שווערע טויזענדער פונטען בעטרעפט דער עודף פאר דער מאנדאטאר-מאכט. א גוט געשעפט אלזא איז דער א״י מאנדאט.

אונזערע אנשטרענגונגען ברענגען נוצען גרויס-בריטאניען. אבער וואס טהון מיר פאר זיך? וועלכע וועגען פיהרען דאך צו א מלוכה און נישט צו א לאנד, אין וועלכען מיר לעבען אפשר מעהר - ווייניג ווירדיג און מיר פיהלען זיך ווי ביי זיך, אבער אין אמת׳ן צאהלען מיר פאר דעם פרידען און שרעקען זיך פאר פערשידענע גזירות?

דער וועג איז נור די פערשטארקטע טעטיגקייט פון נאציאנאלע פאנדען.

עס איז דאך פערשטענדליך פאר יעדען, אז ווי גרויס דער אידעאליזם און ליבע צו א״י זאל נישט זיין, קען קיין יחיד נישט נעהמען אויף זיך קיין מלוכה-אויפגאבען. דער קאפיטאל פון א יחיד מוז פראצענטירען, מוז ברענגען נוצען דעם אייגענטימער. דאס איז א נאטירליכע זאך, זי מוז געדולדעט, אפילו אונטערגעשטיצט ווערען, אבער מען טאר נישט פערגעסען, אז דאס איז נישט די בעפעסטיגונג פון אונזער מלוכה-מחשבה און דראנג.

בויען א נייעם וועג, אויסטרוקענען זומפען, בעוואלדען א שטח פון זאמדען, אונטערשטיצען די אינלענדישע פראדוקציע, קויפען באדען נישט פאר א יחיד, נאר פאר א געזעלשאפט. א פאלק אויפשטעלען און אויסהאלטען שפיטאלען א. א. געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, דאס הייסט פערווארצלען דעם מלוכה געדאנק, דאס הייסט בויען א לאנד און נישט זוכען פאר זיך פריוואט א חיונה.

דאס פערשטענדניש מוז אונז צווינגען צו ענטשלאסענע, פערשטארקטע ארבייט פאר די נאציאנאלע פאנדען.

מיר מוזען אלזא קלאר זאגען: די פערווירקליכונג פון מלוכה-געדאנק קען קומען נאר דורך די עראבערונגען פון נאציאנאלען קאפיטאל.

הנוערי


# שיכט שטייגט איבער

נישט בלויז מיט אויסגעצייכענטער קוואליטעט — נאר אויך מיט׳ן נידריגען פרייז פון זייערע אויסארבייטונגען.

דער זייף יעלען-שיכט

איז איצט בעדייטענד ביליגער

און יעדע בעל-הבית׳טע קאן אויך ווייטער איינשפארען און דערביי געברויכען דעם פראכטפולען און מיט גוטער קוואליטעט בעקאנטען

זייף יעלען-שיכט

MYDŁO JELEŃ SCHICHT


# רעליגיעזער יוד, ארץ ישראל רופט דיך!

אויף דער נישט-לאנג פארגעקומענער פיערטער לאנדעס-קאנפערענץ פון „אגודת ישראל“ אין פוילען, איז איינשטימיג פראקלאמירט געווארען א „מיליאן-קאמפיין“ פאר׳ן „קרן הישוב“, ד. ה., אז די פוילישע ארטאדאקסיע פערפליכטעט זיך אין דער נאהנטסטער צייט צונויפצוזאמלען א מיליאן זלאטעס פאר דעם אויפבוי פון א״י.

די דאזיגע אקציע האט זיך שוין אנגעהויבען כמעט אין גאנץ פוילען. ס׳האבען זיך געשטעלט צו דיספאזיציע פון דער אקציע דאס שענסטע פון דער פוילישער ארטאדאקסיע, אלע עסקנים פון אלע גרופירונגען אינערהאלב „אגודת ישראל“, ווי: פועלים, צעירים, תפארת בחורים א. א. וו. פאהרען ארום און וועקען דעם עולם צו מעשים און דער עיקר—צו עפענען די בייטלען...

שוין אין די גאר נאהנטסטע טעג ווערט אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו געעפענט די אקציע פאר׳ן מיליאן-קאמפיין, צו וועלכען ס׳קומען ספעציעל צו פאהרען די ה״ה יעקב טראקענהיים (פארזיצער פון ווארשאווער קהלה-ראט), הרב ר׳ משה חיים לואי (פרעשאווער רב שליט״א), אלכסנדר זישע פרידמאן (לייטער פון קרן-התורה צענטראלע אין פוילען) א. א. מצד דער היגער „אגודה“ און „פועלים“ ווערען שוין געמאכט בעמיהונגען, אז די אקציע זאל געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

ס׳איז איבריג צו בעטאנען, אז אויך אין ערפאלג פון אזעלכע אקציעס איז אבהענגיג דאס פונאנדערבויען פון א רעליגיעז ארץ-ישראל. א פאקט נישט צום אבלייקענען איז, אז רעליגיעזע יודען האבען די גרעסטע פערדינסטען געהאט ביים שטיצען דעם ישוב. ביז דער לעצטער צייט האבען נאך א גרויסע צאהל רעליגיעזע יודען (וואס ארץ-ישראל איז פאר זיי נישט בלויז אנ׳עמיגראציע לאנד, זיך אויסצובעסערן די עקאנאמישע לאגע, נאר אויך דאס ארץ, אשר נשבע ד׳ לתת לנו“, דאס ירושה-לאנד פון יודישען גייסט) געגעבען נדבות פאר פערשידענע פארטייאישע פאנדען, וועלכע האבען זיך לייד ער ארויסגעוויזען, אז זיי ווערען פערוואנדעלט אויך אויף צוועקען, וואס זענען אין ווידערשפרוך צום יודישען דין און יודישען גייסט און טאקי דאס האט דערפיהרט, אז רעליגיעזע יודען האבען אויפגעהערט צו געבען פאר ארץ-ישראל.

מיט׳ן בענייען די טעטיגקייט פון „קרן הישוב“, וועלכער האט שוין זיך פערצייכענען ערפאלג ביי זיין גרינדען פערשידענע קאלאניעס און ספעציעל די פועלים-מחנות אין כפר סבא, פתח תקוה און בני-ברק, וואס גיט אויך א גאראנטיע פון אבהיטען די יודישע געזעצען על פי תורה זאל צוריק אריינטרעטען דאס אפפערווילליגקייט פון אונזערע רעליגיעזע יודען. ס׳מוזען זיך צוריק עפענען די קאסעס און בייטלען ביים ארטאדאקסישען יוד פאר׳ן אויפבוי פון הייליגען לאנד. ס׳מוז פערשטארקט ווערען אונזער טעטיגקייט אויפ׳ן דאזיגען געביעט — ווייל גענוג האבען מיר שוין פערנאכלעסיגט ביז היינט, אבער יעצט מוז פאר אונז זיין די איינציגע אויפגאבע צו עראבערען צוריק די פערלוירענע פאזיציעס. געדענקט, רעליגיעזע יודען, אייער הייליג ארץ-ישראל רופט אייך צו מעשים!

אהרן יוסטמאן

# אלגעמיינער פראפ. פעראיין פון ביכהאלטערן אין פוילען, אבטיילונג אין טשענסטאכאו

איז מודיע, דאס שבת, דעם 17 לוטי האלב 9 אוונט אין לאקאל פון שאכיסטען-קלוב, 1 טע אלעע 14 קומט פאר א פארלעזונג פון אדוואקאט י. גיטלער א. ד. ט. „געזעלשאפט מיט בעגרעניצטער האפטונג אין ליכט פון נייעם געזעץ“.

איינגאנג פריי.

# פון „טאז“

## רעפעראטען וועגען געזונדהייטס-פראבלעמען.

פערגאנגענעם פרייטאג איז אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד פארגעקומען דער ערשטער פונ׳ם ציקל רעפעראטען איינגעארדענט דורך דער דאקטוירים סעקציע ביים „טאז“.

ד״ר בראם האט געהאלטען די איינלייטונגס-רעדע אנווייזענדיג אויף די גרויסע נוצען פון דער „טאז“-ארבייט פאר די ברייטע יודישע מאסען.

ד״ר י. ליפינסקי האט געהאלטען א זעהר אינטערעסאנטען רעפעראט וועגען דער טובערקולאזע קראנהייט. די רעפעראטען האבען צוגעצויגען א גרויסען עולם, וואס האט אנגעפולט דעם זאל און די שכנות׳דיגע צימערן.

היינט פרייטאג קומט-פאר דער צווייטער רעפעראט, געלעזען דורכ׳ן ד״ר ב. עפשטיין א. ד. ט. „די ראק-קראנקהייט אלס געזעלשאפטליכע צרה“.

ער רעפעראט קומט-פאר אין זאל פון דעם האנדווערקער פערבאנד, אלעע 12. אנהויב 8 אוונד.

## די בעשפייזונגס-אקציע.

די בעשפייזונגס-אקציע ווערט הייאהר געפיהרט דורך א געמיינזאמען קאמיטעט פון „טאז“ מיט׳ן „בית-לחם“. די אקציע נעמט ארום איבער 550 קינדער, וואס בעקומען זעמעל אדער ברויט מיט א געקעכץ.

די אקציע ווערט אונטערשטיצט דורך זאמלונגען אין נאטור אין די יודישע גימנאזיעס און שולען.

# א „ספּיטש“...

אין דער היינטיגער צייט, ווען יעדער האלט זיך פאר א רעדנער, איז כדאי איבערצוגעבען א „ספיטש“, וואס איז געהאלטען געווארען אויף א פערזאמלונג פון א היגער קולטורעלער אינסטיטוציע דורך א בעוואוסטען רעדנער, וועלכער האלט זיך פאר א גוטען אראטאר און וואס בעגרינדעט זיינע אויספיהרונגען מיט הויך-פילאזאפישוויסענשאפטליכע טערמינען.

נעהאנדעלט האט עס זיך וועגען שאפען א דירעקטאריאט, וועלכער זאל ארבייטען דיקטאטאריש, כדי צו שאפען א דיסציפלין צווישען די מיטגלידער:

„אין אנהויב פון מיין אינטערציאל וועגען דעם אינטעלעקט דירעקטאריאט, וועט איך געבען א קורצען היסטארישען איבערבליק וועגען ויין מהות און ענטשטעהונג. פון פילאזאפיש-מאטעמאטישען שטאנדפונקט שטאמט א דירעקטאריאט נאך פון תרח׳ס צייטען. שוין לט, לבן און יקטן זענען געווען פערבינדען מיט א דירעקטאריאט און נאך פיהער האבען אלכסנדר מוקדון, בוצעפאל און צעזאר שוין געוואוסט פון א דירעקטאריאט. איך וועל שוין נישט רעדען וועגען ריטשארד לעווענהארץ, אלי-באבא און דאן פעדרא, וועלכע זענען געגאנגען האנד ביי האנד מיט רחב הזונה קלעאפאטרא און מאדאם דיבארי און אפילו דער אונשטערבליכער דאנטע האט אויך אין גיהנום אנגעפיהרט מיט דעם בעריהמטען דירעקטאריאט טארקוועמאדע, ראבעספיער און נעראן. אפילו אין מיטעלאלטער האט דער נאבעלער ביגאמיסט האמער אין זיין בערימט ווערק „די קאמעליען דאמע“ געווארפען דעם לאזונג פון דירעקטאריאט און טאקע א דאנק איהם איז דאמאלס געשאפען געווארען דער בעריהמטער דירעקטאריאט: דצ״ך, עד״ש, באח״ב.

אויך ביי אונז יודען איז בעקאנט דער דירעקטאריאט אונטער׳ן נאמען אנשי כנסת הגדולה, מיט וועלכער עס האט אנגעפיהרט דער לארד בייראן. אויך דער מן, מיט וועלכען מיר, יודען האבען זיך געשפייזט פאר יציאת מצרים איז געשאפען געווארען א דאנק דעם דירעקטאריאט פון דתן ואבירם מיט די בנות צלפחד. אונזער גרויסען נאטורפארשער און מעטאפיזיקער יעקב גארדין איז נאר א דאנק דעם דירעקטאריאט פון איוואן גראזני, המן און שעקספיר געלונגען צוזאמענצושטעלען די בעריהמטע ליידי מאקבעט.

„ליעבעס אוידיטאריום, איך מאך געבעטען, אז איהר זאלט וועלען פערשטעהן, אז פון מאטעריאליסטישען באריטאנאווע שטאנדפונקט איז א דירעקטאריאט ביי אונז א פלעגמאטישע נויטווענדיגקייט און היות ווי ביי אונז אין דער אינסטיטוציע זענען פערהאן דריי אטאמען מיטגלידער, וועלכע צוטיילען זיך אויף דריי פייזאשען, מוז געשאפען ווערען א דירעקטאריאט.

צום שלוס פון מיין דיסערטאציע, ווענדע איך מיך צו אייך, ה׳ פארזיצער מיט דער הייסער פראפאנאציע, אז אזוי ווי איך האב נאכנישט אינגאנצען אויסגעשעפט און בעגרינדעט מיין פסיכאלאגישען קאנקארדאט, זאל ווערען געמאכט א הפסקה פון א האלבע שעה, כדי איך זאל קאנען נאך אויספיהרליכער אינטערוועגירען דעם דירעקטאריאט...

„איך האב נאך נישט געסקינטשעט“.

אונטערגעהערט און איבערגעגעבען צום דרוק דורך וו. שמידט.

# פון דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג.

אויף דער לעצטער זיצונג פון דער פערוואלטונג פון ברית-הצה״ר איז בעשלאסען געווארען צוצוקאאפטירען די ה״ה ש. ניעמיראווסקי און פייגענבלאט אין דער פערוואלטונג. עס איז צו האפען, אז די איצטיגע פערוואלטונג וועט צוטרעטען צו אנ׳אינטענסיווער טעטיגקייט, איבערהויפט איצט, ווען מען שטעהט פאר אזעלכע גרויסע אויפגאבען ווי פעטיציע-בעוועגונג און דאס שאפען פון א נאציאנאלע ארבייטער-ארגאניזאציע אין א״י.

שבת, דעם 17-טען ד. ח. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר א חברים-פערזאמלונג. אויפ׳ן טאג ארדנונג: די פארשטעהענדע רעוויזיאניסטישע לאנדעס-קאנפערענץ.

# דאס אייז האט געריהרט...

אין אונזער שטאדט האט מען לעצטענס מיט פערביטערונג גערעדט וועגען די גליקליכע געווינערס, וואס האבען נישט געפונען פאר נויטיג צו געבען געוויסע נדבות פאר די היגע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, וועלכע געפונען זיך אין א שווערער מאטעריעלער לאגע, מען האט זאגאר אנגערופען דעם נאמען פון איינעם, וועגען וועלכען די פרעסע האט אויך געשריבען, אז ער זאל האבען פארגעלייגט זיין נדבה פאר׳ן יודישען שפיטאל — גאנצע צעהן זלאטעס.

די שטאדט האט גענומען די געווינערס אין דער ארבייט אריין, מען האט זיי געוויגט און זיי איינגעזינגען א זעהר קלאגעדיג ליעד.

איך האב דעריבער זיך פעראינטערעסירט מיט איינעם פון די געווינערס, מיט ה׳ נ. און פערפיהרט מיט איהם א שמועס וועגען גאנצען ענין.

און אט וואס ה׳ נ. האט מיר דערצעהלט:

— עטליכע טעג נאכ׳ן געווינס האב איך זיך געפונען אונטער׳ן איינדרוק פון דער איבערראשענדער בשורה פון גורל, וואס מיך האט נעטראפען. ווי נאר איך בין געקומען צו זיך האב איך תיכף צונויפגעשטעלט א ליסטע פון אינסטיטוציעס, פאר וועלכע איך האב בעשטימט מיינע נדבות. נאטירליך, אז יעדען טאג האט מיר די פאסט געברענגט מאסען בריעף מיט בקשות פון אינסטיטוציעס און פריוואטע פערזאנען, אויסער דעם, וואס מיין שטוב איז כסדר בעלאגערט פון מענשען, וועלכע דערצעהלען פאר מיר זייער ביטער הארץ און בעטען שטיצע. איך בעריקזיכטיג ווי ווייט מעגליך די פערשידענע אלערליי בקשות און דא מוז איך אקצענטירען, אז ערשט היינט (מיטוואך, דעם 14 ד. ח.) האב איך בעקומען דורך דער פערמיטלונג פון דער היגער האנדעלס-באנק דאס געלד.

— דאס איז די סיבה—זאגט ווייטער ה׳ נ.—צוליעב וועלכער איך האב ביז היינט נישט פערעפענטליכט מיין נדבות-ליסטע. איך מוז אויך צוגעבען, אז עס איז שקר, דאס איך זאל האבען פארגעלייגט די פרעזעסן פונ׳ם יודישען שפיטאל 10 זל. פאר דער דאזיגער אינסטיטוציע, ווייל — די דאזיגע פארשטעהער זענען איבערהויפט ביי מיר נישט געווען.

— איהר פערשטעהט דאך אליין — פערטרויט זיך פאר מיר צום סוף ה׳ נ. — אז אין מיינע קרובים און אנדערע נאהנטע מוז איך אויך געדענקען...

ביי דער געלעגענהייט האט מיר די פרוי נ. דערצעהלט פערשידענע עפיזאדען וועגען די מענשען, וועלכע האבען זיך געוואנדען צו איהר נאך שטיצע.

אלץ אויסצורעכנען וואלט פערנומען צופיעל פלאץ, דעריבער וועל איך נאר עטליכע דערמאנען.

עס קומט אג׳אומבעקאנטע פרוי און נאכ׳ן זאגען דעם „גוט מארגען“ כאפט זי ארום זיך קושען מיט דער פרוי נ. און ווינשט איהר מזל-טוב. ווען מען פרעגט זי ווער זי איז און וואס זי וויל, הויבט זי אן צו דערצעהלען, אז אזוי ווי זי האט געשפיעלט אהן איהר מאנ׳ס וויסען אויף צוויי צעטעלעך און האט, ווי געוועהנליך פערשפילט, איז זי גליקליך, וואס די משפחה נ. האט כאטש געווינען, פון וואס זי איז זעהר צופרידען, ווייל זי ווייסט, אז זי וועט צו דעם עסק נישט צולייגען...

א צווייטע קומט און פאדערט נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי אז פרוי נ. זאל בעצאהלען דעם אדוואקאט, וועלכער טרעט ארויס אין איהר, דער פרוי׳ס, פראצעס. א פיערטער האט אנעקסמיסיע, ווייל ער נישט מעהר ווי אויף א דירה און היות ווי ער איז א גרעסער געזונד׳ל מוז ער האבען 3 שטובען מיט א קוך. א פינפטער וויל זיך מאכען א געוועלב און וויל אז מען זאל זיי שטעלען אויף די פיס. א זעקסטער וויל — און אזוי א זיבעטער, אכטער און צעהנדליגגער און הונדערטער מענשען און יעדער קומט אלץ און וויל: איינער א הלואה, דער דריטער מען זאל איהם גלאט געבען, און ווער שמועסט בריעפליכע בקשות זעצען אהן גוזמא אין די הונדערטער און יעדער איינציגער שרייבט און רעדט, אז נאר ער איז דער איינציגער, וועלכער דארף בעקומען, די אנדערע דארפען עס נישט און פונדעסטוועגען גענטט קיינער נישט אוועק ליידיג.

ווי מען זעהט אלזא האט דאס אייז געריהרט. ה׳ נ. האט געמאכט א התחלה מיט זיינע נדבות און זאל מען האפען, אז אויך די אנדערע גליקליכע געווינער וועלען נישט בלייבען הינטערשטעליג.

ס.—ק.

# פונ'ם קאָנצערט פון ברית-החייל.

דער דאָזיגער קאָנצערט איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 7 טען ד. ח. אין זאַל פון קינאָ „אַטלאַנטיק".

נאָך אַ קורצער איינלייטונג פון מגר. זאַרסקי, וועלכער האָט ערקלערט פאַר די פערזאַמעלטע די אויפגאַבען פון „ברית החיל" האָט אָנגעהויבען דעם קאָנצערט טייל ה' י. ריכטער.

דער שוין ביי אונז אין שטאָדט פּאָפּולערער לאַורעאַט פון געזאַנג-קאָנקורס פון דער קעלצע־וואָיעוואָדזטווע האָט ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון פרוי טשענסטאָכאָווסקאַ אויסגעפיהרט עטליכע אָפּערן-אַריעס פון פּוטשיני, מאָניושקאָ ווי אויך עטליכע ליעדער פון קאַרלאָוויטש, גאַל א. א. אויבוואָהל ה' ריכטער'ס שטימע פערלאַנגט נאָך אַ געהעריגע אויסשולונג, בעזיצט זי דאָך אַ מעטאַל-טעמבער און קראַפט. דער פּאַטאָס און ליריזם, וועלכע דער זינגער פערמאָגט, זאָגען עדות, אַז ביי אַן אָנגעשטרענגטער ארבייט קאָן מען פון איהם נאָך פיעל ערוואַרטען.

אויך ה' אַבערמאַן האָט מהנה געווען דאָס פובליקום מיט יודישע פאָלקס-ליעדער.

אין דער ווייטערדיגער טייל פונ'ם קאָנצערט האָט געשפּילט דער יונגער פּיאַניסט ה' קאָזשימיעזש בעם, אַ שילער פון דער ביי אונז אין שטאָדט גוט-בעקאַנטער פּיאַניסטין פרוי וואַנדאַ קאָפּעצקאָ.

ה' בעם האָט אין דער אויפפיהרונג פון בעטהאָווען'ס וואַריאַציע צע מאָלל, ראַכמאַנינאָפּ'ס פּרעלודיום גע מאָ"ל, אַרויסגעוויזען פיעל התלהבות און טעכניק, אויסנעמענדיג שטאַרק ביי די צוהערער. ערגער איז אויסגעפאַלען מ. דע פאַללאַ'ס „פייער טאַנץ", וואו דער יונגער אַרטיסט האָט, היפּטזעכליך אין דער טייל „אַלעגראָ מאַ נאָן טראָפּאָ" נישט גענוג אַרויסגעבראַכט דעם איבערגאַנג פון פּיאַניסימאָ ביז מעצאָ-פאָרטע.

פעדייטענד בעסער איז דערפאַר געווען די אויספיהרונג פון דעם אויף ביס מיט גרויס בראַוואָר געשפּיעלטען מאַרש פון פּראָקאָפיעוו.

צום סוף עטליכע ליב ווערטער פאַר די ברידער פ. און ש. שמולעוויטש, וועלכע האָבען זאָרגפעלטיג און ריכטיג אויסגעפיהרט סאָלאָ און טריאָ ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון ה' רוטקאָווסקי שומאַנ'ס טרוימעריי, גלינקאַ'ס עלעגיע און אַ רייהע אַנדערע שאַפונגען.

בכלל איז דער אָוועגד געווען אַ זעהר געלונגענער. אַלע קאָנצערטאַנטען האָבען שטאַרק אויסגענומען ביי דעם צאָהלרייך - פערזאַמעלטען עולם, וועלכער האָט זיי בעשאָנקען מיט לאַנג דויערענדע אַפּלאָדיסמענטען און זיי פיעל מאָל אַרויסגערופען אויף ביס.

ל. קוטשינסקי

## צוריק ערלויבט דעם מאַרק-האַנדעל מיט געבעקס.

מיט אַ וואָך צוריק האָט דער נאַטשעלניק פון דער שטאָדטישער געזונדהייטס-אַבטיילונג ד"ר שחפיקאָווסקי אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכער ס'ווערט פערבאָטען צו פערקויפען אויף סטראַגאַנעס אָדער קוישען אין גאַס געבעקס, פלייש, צוקערוואַרג א. ד. גל., וואָס עס איז ערלויבט נאָר אין געוועלבער. די דאָזיגע פעראָרדנונג שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערשפרייטונג פון דער טיפוס-עפּידעמיע און אַנדערע קראַנקהייטען.

צוליעב דעם אָבער, וואָס די דאָזיגע פעראָרדנונג נעהמט אַוועק די פרנסה ביי מעהרערע יודישע מאַרקשטעהער, וועלכע האַנדלען מיט געבעקס, האָט אַ דעלעגאַציע פון קליינהענדלער-פעראיין (ב. יאַסעלעוויטשאַ 9), וואָס איז בעשטאַנען פון די ה"ה: בייראַטס מיטגליד וו. זשעריקער, ב. אש און ד. פּיליפּאָוויטש אָבגעהאַלטען עטליכע קאָנפערענצען מיט'ן נאַטשעלניק ד"ר שוועיקאָווסקי און אין רעזולטאַט איז די פעראָרדנונג געענדערט געוואָרען אויף פאָלגענדען אופן:

די פערקויפער פון די דאָזיגע אַרטיקלען אין מאַרק דאַרפען זיך אויפשטעלען בודקעס — ס'קענען אויך עטליכע צוזאַמען האָבען איין בשותפות' דיגע בודקע — אין וועלכער ס'זאָלען זיך געפונען פערגלאָזטע גאַבלאָטקעס מיט'ן געבעקס. די פערקויפער מוזען טראָגען ווייסע פאַרטוכער א. ד. גל. די דאָזיגע פעראָרדנונג געהט אריין אין קראַפט דעם 20 מערץ. ביז דאַן אָבער קען דאָס געבעקס פערקויפט ווערען נאָר אין גאַבלאָטקעס און בעזיצען די אויפשריפט, פון וועלכער בעקעריי דאָס געבעקס שטאַמט.

דעם צויבער פון ווייטען מזרח
ווערסטו זעהן אויפ'ן

# באַל ערלידאַ!

## פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי.

היינט פרייטאָג, פונקטליך 8 אָוועגד, קומט פאָר א שיחות-חברים, אָנגעפירט דורך ח' מ. רוזשעוויטש.

מאָרגען שבת 3-30 נאָכמ. קומט פאָר אַ פּינה-עבריה, אָנגעפירט דורך ח' ח. קרעמערס. דעם זעלבען טאָג 8-30 אָוו. קומט פאָר אַ פּאָליטישער חברים שמועס ביי אַ גלעזיל טהיי, אויף וועלכען מיר פערבעטען אַלע חברים, פריינד און סימפּאַטיקער.

מאָנטאָג, דעם 19 ד. ח. 8-30 אָוועגד קומט פאָר די ערשטע לעקציע פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געפירט דורך ח' ל. קאָפּינסקי. אַלע חברים ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פונקטליך.

## פון החלוץ-המדינתי.

נאָך דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען פויריגען מאָנטאָג, איז דער נייער ועד צוגעטרעטען צו פיהרען די ווייטערדיגע קולטורעלע אַרבייט פון היגען סניף.

זונטאג איז פאָרגעקומען די ווייטערדיגע לעקציע פון יודישע געשיכטע ביים אָנטייל פון אַלע חברים און א גרויסע צאָהל סימפּאַטיקער.

פויריגען מיטוואָך איז פאָרגעקומען אַ לעקציע פון ציוניסטישע געשיכטע און אַנ'איבערבליק איבער דער פרעסע מיט דיסקוסיעס, אין וועלכע עס האָבען אָנטייל גענומען ביז 40 חברים און חברות.

די אויבענדערמאנטע לעקציעס קומען ווייטער פאָר יעדען זונטאג און מיטוואָך. איינשרייבונגען פון פרישע חברים נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט, פּילסודסקי 21.

## פון ברית-הקנאים.

דער היגער קן ברקא"י פירט אַ לעבהאַפטע טעטיגקייט אויף דעם קולטורעלען געביעט. יעדען אָוועגד קומען פאָר לעקציעס פון דער העבראַאישער שפראַך, יודישער געשיכטע, פּאַלעסטינאָגראַפיע א. ז. וו.

מאָרגען שבת, 3 נאָכמיטאָג קומט פאָר אַ פייערליכע אסיפה פון גאַנצען קן. אַלע אחים און אחיות ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען אין די מונדירען.

# קאָמוניקאַט

דער ראַט און די פערוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדווערקער-באַנק אין טשענסטאָכאָוו מאַכען בעקאַנט, אַז דעם 4 מערץ ד. י. וועט אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פעראיין פאָרקומען די אַלגעמיינע יעהרליכע פערזאַמלונג פון דער באַנק.

די פערזאַמלונג ווערט געגרופען אין א פערשנעלערטען טערמין, אום צו בעהאַנדלען די לאַגע פון דער באַנק און אָנצונעמען א רייהע בעשלוסען, וועלכע זענען נויטווענדיג, בכדי אַדורכצופיהרען די סאַנאַציע פון דער דאָזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע און אָוועקצושטעלען זי אויף פעסטע פינאַנסיעלע יסודות.

גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט, אַז ה' ש. ניעמיראָווסקי, וועלכער האָט אין פערגאַנגענעם מאָנאַט רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס פּרעזעס פון דער באַנק, האָט אויפ'ן וואונש פון ראַט און פערוואַלטונג פון דער באַנק זיין רעזיגנאַציע צוריקגעצויגען און ער ערפילט ווייטער אין דער באַנק זיינע פליכטען אַלס פרעזעס פון דער פערוואַלטונג.

ראַט און פערוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדווערקער באַנק אין טשענסטאָכאָוו.

טשענסטאָכאָוו, ד. 11 פעברואַר 1934.

## עונג-שבת אין „מזרחי".

שבת פ' תרומה, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון „מזרחי" אַלעע 5, אַ עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון דעם בעוואוסטען מטיף ר' יוסף שמעון קאַבלינץ א. א.

## פון עדלידא-באַל.

מאָנטאָג, דעם 12-טען ד. ח. איז פאָרגעקומען די ערשטע פּלענאַרע זיצונג פון דער קאָמיסיע צום באַל. עס זענען געשאַפען געוואָרען פאָלגענדע קאָמיסיעס: בופעטאָווע, טעכנישע און פראָפּאַגאַנדע. די קאָמיסיע גרייט פאָר אַ רייהע סורפּריזען, וועלכע טשענסטאָכאָוו האָט נאָך אויף קיין באַל נישט געזעהען. עס איז אויך אַנגאַזשירט געוואָרען אַנ'ערשטקלאַסיגער אָרקעסטער-אַנסאַמבל אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ בעקאַנטען קאָמפּאָזיטאָר.

עס איז דעריבער צו האָפען, אַז די ברייטסטע שיכטען פון טשענסטאָכאָווער פובליקום וועלען צאָהלרייך בעזוכען דעם טראַדיציאָנעלען און רייכאַרטיגען עדלידא-באַל.

## פון קרן קימת לישראל.

מוצאי שבת ב' אדר האַלב 9 אָוועגד ווערען אַלע אָרגאַניזאַציעס געבעטען אָבצונעהמען מאַטעריאַל צו דער הרקת שבט.

גלייכצייטיג בעט מען צושטעלען אַדרעסען פון בתי-תפילות אום צו קענען ווי געהעריג דורכפיהרען די מחצית השקל (קערות) אַקציע אין פורים.

די פורים אַקציע וועט אַדורכגעפיהרט ווערען צווישען י"א און י"ז אדר.

מיר מאַכען אויפמערקזאָם אַלע, אַז די פורים-וואָך איז בעשטימט געוואָרען דורכ'ן קאָנגרעס אַלס זאַמעל-וואָך נאָר פאַר'ן קק"ל.

## פון „ברית החיל".

פויריגע וואָך האָבען ביי אונז אין שטאָדט געוויילט אויפ'ן וועג קיין א"י דריי חברים פון „ברית החיל" אין קראָקע, צווישען זיי אויך פראָפּ. וויינבערגער, וועלכער איז איינער פון די אָנפיהרענדע פערזענליכקייטען פון רעוויזיאָניזם אין קראָקע. אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, וואָס פראָפּ. וויינבערגער האָט געוויילט ביי אונז אין שטאָדט, איז ער אַרויסגעטרעטען מיט אַ רעפעראַט אין לאָקאַל פון „ברית החיל". דער לאָקאַל איז געווען איבערפולט און פראָפּ. וויינבערגער האָט איבער אַ שעה צייט רעפערירט וועגען די איצטיגע אויפגאַבען פון רעוויזיאָניזם. דער רעדנער האָט געגעבען אַ קלאָר בילד פון דער מאַנדאַטאָרישער ביוראָקראַטיע, וועלכע מאַכט אונמעגליך דאָס אויפבויען אַ נאַציאָנאַלע היים אין א"י.

היינט פרייטאָג, פונקטליך 7 אָוועגד קומט פאָר אַ חברים פערזאַמלונג פון „ברית החיל". אויפ'ן טאָג-אָרדנונג: די פּעסיציע-בעוועגונג.

## פון בית"ר.

פויריגען פרייטאָג צו-נאַכטס איז פאָרגעקומען די „לעבעדיגע צייטונג" נר, 3 פון דער וואַנד-צייטונג „קדימה". דער אָוועגד איז געווען זעהר אינטערעסאַנט און בעלעהרענד. אַ גרויסע דיסקוסיע האָט אַרויסגערופען דאָס אַרטיקעל פון אח קאַרטוז.

אין הסכם מיט דער לעצטער פקודה פון ראש בית"ר זאב זשאַבאָטינסקי וועגען העבראַאיזירען דעם גאַנצען בית"ר, טרעט די היגע מפקדת הקן צו צו אַ אַקציע פון העבראַאיזירען דעם היגען קן, הגם עטליכע עלטערע כחות זענען שוין העבראַאיזירט פון אַ צייט צוריק.

## פון קולטור-ליגע.

שבת, דעם 17 פעברואר 4-30 נאָכמ. ווערט געשפילט אין קאַמעראַל-טעאַטער די בעקאַנטע קאָמעדיע אין 3 אַקטען „זאַלאַטניצי ניעביעסצי" צו פּאָפּולערע פרייזען.

די איבערגעבליבענע בילעטען צו בעקומען אין קולטור-ליגע פון 5—8 אָוועגד, שבת פריה פון 11—2, אין דער קאַסע פון טעאַטער פון 2 נאָכמ.

## אַ בעריכט-פערזאַמלונג.

די היגע פועלי אגודת ישראל אַרדענען איין היינטיגען שבת-צו-נאַכטס 8 אָוועגד, אין זייער לאָקאַל ב. יאַסעלעוויטשא 8, אַ בעריכטס-פערזאַמלונג פון דער 1-טער לאַנדעס קאָנפערענץ פון „אגודת ישראל", וואו זייער דעלעגאַט ה' אהרן יוסטמאַן וועט אָבגעבען אַ בעריכט וועגען די דערגרייכונגען פון פא"י אויפ'ן דאָזיגען צוזאמענפאָהר.

Puder Bebe Szofmana - אַלן קינדער

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek skleroze

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. K. Kosteckiego
w lokalu własnym Waszyngtona 6, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna
שבת 10 ד.ה 8 אָוועגד פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדען שבת אָוועגד. לעצטע מוזיק - שלאַגערס. ביליגע פרייזען.

אַ גרויס געוועלב אין בעסטען פונקט שוין צו פערדינגען אויף נאַרוטאָ-וויטשאַ 8.
ערקינדיגען ביי פישמאַן.

Kino „EDEN"
היינט און ווייטערע טעג
דאָס גרויסע קונסטווערק פון דער פראַנצויזישער קינעמאַטאָגראַפיע — —

Drewniane Krzyże

גרויזאַמקייט פון דער מלחמה און גיהנום אויפ'ן פראָנט. — — — —
איבער'ן פּראָגראַם:
נייע קלאַנג-צוגאָבען.

„ATLANTIC"
אַגראַדאָווא 14.
פרעכטיגער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

NAD RANEM
מיט ראַמאָן נאָוואַראָ אין דער הויפּט-ראָל
און דער צווייטער פילם

Niebezpieczny romans
אין וועלכען ס'טרעטען אַרויס די בעסטע פוילישע קינאָ-אַרטיסטען.

Kino „LUNA"
גרויסער פילם פון אונגאַרישער פּראַד.!

Węgierska Miłość
און די הויפּט-ראָלען: די יונגע ראָזסי באַרסאָני, טיבאָר האַלמאַי.
פערכאַפענדער טשאַרדאַש.
אונגאַרישער טעמפּעראַמענט.
אויסער'ן פּראָגראַם:
פּאַראַמאָנט קלאַנג-וואָך און פּאַט-כראָניק.

STYLOWY
אַלעע 29.
שוין לאַנג נישט געזעהענע סענסאַציע! ליעבע! פערברעכען! אָפּפערוויליגקייט!

OGNISTY TRÓJKĄT
מיט די בעריהמטע:
זשאַן אַנזשעלאָ א. א.
אַ פילם פאַר אַלע וועגען אַלץ.
קלאַנג-צוגאַבען.

## נדבות אין רעדאַקציע.

ח. פּ. 3 זל. מושב זקנים, 3 זל. בית לחם